STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04078

LITERARISHER DEKLAMATOR

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליטערארישער
דעקלאמאטאר

ארויסגעגעבען פון
MAX JANKOWITZ
NEW YORK, N. Y.

אינהאלט־פערצייכניס.

א. וויעוויארקא. עבירה — — — — — — — — — — 3
ג. זעליקאוויץ. האום סוויט האום — — — — — — — 8
ש. י. אימבער. „אסתר'קע“ — — — — — — — — — 10
י. ראזענפעלד. די ערשטע טבילה — — — — — — — 12
מאלץ מילער. סלושאיי ! — — — — — — — — — 13
ניקיטין. דער קבר — — — — — — — — — — 15
שלום עליכם. קיין עין־הרע ניט — — — — — — — 16
פראלעטארישע קללה — — — — — — — — — — 21
ח. נ. ביאליק. דאס לעצטע ווארט — — — — — — — 28
א. וויעוויארקא. חייקעל שיכור — — — — — — — 34
א. וויעוויארקא. דאס מעדעל — — — — — — — — 43
בר—מזל. א מאנאלאג — — — — — — — — — — 46
י. ל. פרץ. די צוויי ברידער — — — — — — — — 49
י. ל. פרץ. יוכבד — — — — — — — — — — — 53
ש. פרוג. דער לאקשענברעט — — — — — — — — 57
ש. פרוג. היים און קאלט — — — — — — — — — 62
ש. פרוג. דער כום — — — — — — — — — — — 65
מיכל קאפלאן. צוריק א היים — — — — — — — — 67
י. באוושאייער. דער אבשיעד — — — — — — — — 70
י. באוושאווער. דער שלאף — — — — — — — — — 74
ד. פינסקי. געשלאגען דעם טאטען — — — — — — — 78
י. אדלער. דאקטוירים (מאנאלאג) — — — — — — — 82
יהואש. פאגאניני — — — — — — — — — — — 89
יהואש. סאקיא מוני — — — — — — — — — — 92

עבירה.

רבי! כ'וועל אייך פרעגן א שאלה.

די גרעסטע לומדים האב איך זי געפרעגט, און קיינער האט ז· מיר נישט געענטפערט. טאטע־מאמע האבען עם מיר, פון קינדוייז אן, מיט געגוג קלעפ און קללות, געגעבען צו פערשטעהן און דאך קען איך עס נישט פערשטעהן.

וואס איז אן עבירה?

רבי, הרג'עט מיך, שחט מיך — איך פערשטעה עס נישט!...

אז איך בין קליין געווען, האב איך גערעכענט, אז אן „עבירה" איז עפעס א שלעכטער רבי און די גאנצע וועלט איז זיין חדר־איינגעל... נאר, היינט זעה איך, אז דאס איז גאר א שרעקליכער גזלן, וועלכען איך קען גאר נישט פערשטעהן...

קוקט מיך נישט אן ווי א משוגע'נעם; אמת, איך בין נאר א שוסטער־יונג און קלאפ די קאפעטע פון דער פריה ביז ביינאכט, פונדעסטוועגען, נישקשה, געהירען אין קאפ האב איך געלויבט צו גאט!...

רבי! איהר זייט דאך א איד א תלמיד־חכם, זאגט מיר דאך: וואס איז אן עבירה?

אז איך בין נאך א קליינער „פעמפעק" געווען. האב איך שוין דאס ווארט געהערט פון מיין מאמע, א ליכטיגען גן־עדן זאל זי האבען. אז איך האב זיעבען יאהר געהאט האב איך שוין געפיהלט דעם עונש פון אן עבירה; איינמאל, שבת, האט מיר א קליינער כפרה'ניק, א שייגעץ, נעווארפען זעקס שטיינער, איך האב איהם צוריק געווארפען איינעם, האט מיך דער טאטע עליו־השלום, געטאשטשעט דערביי און האט מיר, שיער, א האלב אויער אבגעריסען... — ס'איז, האט ער געזאגט: אן עבירה; א איד, טאר שבת נישט ווארפען קיין שטיינער אז ער האט מיר געווארפען זעקס שטיינער און מיך צו'דם'ט איז נישט קיין עבירה, אז איך האב איהם צוריק געווארפען איינעם, אפשר נאר א האלבען — נא דיר אן עבירה!...

אז כ'האב זיך אמאל שבת געגליטשט, האט מיר דער רבי די אדערען געטרייבערט. ס'איז אן עבירה, האט ער געזאגט, און אז כ'האב איהם א מאל געפרעגט: נו וואס שאדט אז ס'איז אן עבירה?... האט ער מיר געענטפערט. אז פון מיינע אויגען שיינט נישט קיין גוטס...

וואס איז דאך אן עבירה ?!

מילא, דאמאלט האב איך גערעכענט אז כ'בין צו יונג און קליין, אז כ'זאל עס פערשטעהן. די מאמע האט מיר אויך אזוי געזאגט. אבער היינט, בין איך שוין, ווי זאגט מען עס אין דער הגדה: „הרי אני", איך בין שוין אכט און צוואנציג יאהר... און איך זאג אייך, רבי, איך פערשטעה נישט!...

און די שאלה לעכערט מיר דעם קאפ ווי מיט טויזענד נאדלען; דאסווארט „עבירה" יאגט מיך אזוי לאנג ווי כ'לעב! ס'האט זיך צו מיר צוגעקלעפט ווי א שטיק סמאלע צו די הויזען, במחילה, און ס'לאזט מיך נישט לעבען; וואס כ'האב נאר א מאל געוואלט טהאן, צו וואס כ'האב זיך נאר צוגעריהרט, האב איך שטענדיג געזעהען דערויף אויפגעקלאפט א בלעכעל מיט'ן אויפשריפט: „עבירה!"...

רבי, דאס ווארט האט מיך גע'ממית'ט!

כ'האב די מעשה קיינעם נישט דערצעהלט; איך שעהם זיך; און אפשר איז עס טאקע נישט שעהן. ווייס איך? — איך בין דאך נאר א פראסטער שוסטער־יונג!... נאר אייך, רבי וויל איך דערצעהלען, וואס אט א דאס קליינינקע ווארט האט מיר אנגערייצט...

איך בין נאך דאמאלט געווען א יאלד פון קוים ניינצעהן יאהר און געארבייט ביים טאטען, עליו־השלום. מיר האבען דאמאלט געוואהנט ביי אברהמ'ל קצב. געגענאיבער אונז האט געוואהנט שמואל שניידער. כ'מיין נישט אזוי שמואל שניידער, ווי זיין טאכטער עטיל, איהר נשמה זאל אין גן־עדן רוהען... רבי, דאס איז געווען א בתולה א גאלד! זייט נישט בייז, רבי, כ'מיין נישט צו רעדען קיין עזות, נאר, כ'זאג די גאנצע וואהרהייט... איז מיין נאמען נישט הירש־בער צו דאס איז א ליגען!... על־כן, וואו האלט איך דאס? יא, עטיל... כ'זאג אייך דעם אמת, הייליגער רבי, אז כ'האב זעהר גערן געזעהן, אז עטיל איז אמאל אריינגעקומען צו אונז זיך בארגען א לאקשען־ברעט, אדער עפעס אנדערש... כ'האב דערפון געהאט א הנאה, ווי הייסט א הנאה נו... נו... כ'האב פשוט גאט געבעטען זי זאל אריינקומען!...

רבי, ס'איז גאר קיין וואונדער נישט; איהר האט זי נישט גע־

קענט, דאס איז נישט געווען קיין מיידעל — א מלאך, זאג איך אייך, איז זי געווען!... וואס זאגט איהר? כ'זאל דערצעהלען דעם עיקר־המעשה? גוט.

איינמאל, פארנאכט, זיץ איך מיר אזוי און קלאפ אן א פאר האלבע זוילען; אין שטוב איז קיינער נישט געווען, ס'איז פונקט געווען א מארק־טאג, קומט עטיל אריין כ'זאל איהר א מאס נעהמען אויף א פאר קאמאשען... זי האט זיך געזעצט און אראבגענומען איהר קאמאש, איך זאל איהר א מאס נעהמען... רבי! כ'וויים נישט, כ'געדענק נישט, צו בין איך איינגעשלאפען, ווען כ'האב איהר פיסעל אין האנד געהאלטען, צו כ'בין שכור געווארען... כ'געדענק נאר, ווי פלוצלונג, האב איך געפיהלט א זעץ אין קאפ פון טאטען עליו השלום, וועלכער איז פונקט אריינגעקומען... רבי, מיין זעץ אין קאפ איז גארנישט, נאר זי האט ער ארויסגעווארפען און אויף איהר געשריען: „חצופה!“...

איך בין דאמאלט גרייט געווען אלע קאפעטעס דעם טאטען אין קאפ צו ווארפען!... איך האב מעהר ביים טאטען נישט געוואלט ארבייטען. א פייער האט אין מיר געברענט; ווי האט ער זיך אונטערגעשטאנען זי ארויסצוואורפען?!... נאר דא האט זיך אריינגעמישט שמואל דער ישיבה־בחור, וועלכער האט דאמאלט ביי אונז גענעסען „א טאג“ (שמואל'ן, האב איך ליעב געהאט, און נאך היינט אויך — ער איז נישט קיין גנב!) און האט געמאכט א שלום צווישען מיר און מיין טאטען, דער טאטע האט ער געזאגט, איז גערעכט געווען דאס איז אן „עבירה“; א יודיש קינד טאהר אזעלכעס נישט טהאן... איך האב מיט א מאל דאמאלט געפיהלט וואס פאר א שרעקליכער גזלן דאס ווארט איז... א גזלן! זאג איך אייך, א מערדער!

וואס זאגט איהר? כ'זאל נישט אזוי קלאפען אין טיש אריין? רבי, נישט איך קלאפ, מיינע צרות קלאפען!... אדרבה, הערט! —

איך האב געמוזט צוקוקען ווי מ'האט זי צו דער חופה געפיהרט!... (איהר מוזט וויסען, רבי, אז איך האט עטל'ען געוואלט נעהמען פאר א כלה, נאר מיין טאטע האט געזאגט אז ער וועט א מיתה־משונה איינגעהמען און דאס וועט נישט געשעהען אז זיין זוהן זאל נעהמען אזא א „חצופה“!...)

רבי! אז איך בין דאמאלט לעבען געבליעבען, ווייס איך נישט

די גאנצע שטוב איז פול אַט אַ מיט דעם קליינעם גזלן. איך האָב געפיהלט ווי די „עבירה" קריכט אויף די ווענד... דאָס גאנצע ווערק־שטעל האָט ביי מיר אויסגעקוקט ווי אַן עבירה... די קאַפּעטעס — אַן עבירה, די שטיפּטען — עבירות... הענג זיך! וואו דו ווילסט — דוקא עבירה!...

— איז אַנ'עק!... איך בין ביי דער שוהל געשטאַנען און געקוקט.. און די כלי־זמרים האָבען מיר אין די אויערען אריין געשפּיעלט: עבירה... עבבירהה... עעעבבבבירררררה.... איך בין דערנאָך קראַנק גע־וואָרען, און מיין מאַמע האָט מיר געזאָגט אַז איך האָב די גאנצע צייט געשריען: עבירה!... די עבירה געהט!... איהר פערשטעהט, רבי, דער גזלן האָט מיך אַזוי געיאָגט, אַז ער האָט מיך קראַנק גע־מאַכט... עפּעס אַ דבוק האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, און וואו כ'בין געגאַנגען, וואו כ'בין געשטאַנען האָט ער מיר אַלץ געשושקעט אין אויער אריין: עבירה... עבירה...

טאַטע־מאַמע זענען געשטאָרבען, און איך האָב מיר געקלאַפּט די פּאָדעשוועס איינער אליין... מיט קיינעם קיין וואָרט גערעדט, אויסער מיט מיין העמעריל וועלכעס פלעגט מיר צוקלאַפּען אויף די פּאָדעשוועס אַ ניגון! עבירה... עבירה...

איך האָב געזעהען אַז ס'איז נישט גוט מיט מיר: דער דבוק יאָגט מיך, האָב איך זיך גענומען ארויסשלאָגען דאָס וואָרט פון קאָפּ, און האָב אָנגעהויבען זאָגען תהלים... כ'האָב גערעכענט טאָמער וועט מיר גאָט העלפען... און אפשר וואָלט ער מיר טאַקי געהאָלפען — האָט מיך אבער דער גזלן נישט געוואָלט אבלאָזען! —

און נאָך אַ מאָל איז מיר עטעל אריינגעקומען איך זאָל איהר אַ מאָס נעהמען אויף אַ פּאָר קאַמאַשען... אַלץ אַזוי געגוי געדענק איך נישט... איך געדענק נאָר ווי עטעל עליה־השלום האָט געזאָגט: פּע! קושען אַ פרעמד ווייב... דאָס טהאָר מען נישט — ס'איז אַן עבירה... און איז ארויסגעלאָפען...

ג'וואַלד! אזא מין גזלן, וועלכען איך זעה נישט און איך קען זיך נישט אויסהיטען פון איהם, איז דאָך ערגער פון אַ מיתה־משונה!...

אזוי ווי זי איז ארויסגעלאָפען, האָב איך דייטליך געזעהען, אַז

ג'וואלד! ווער איז דער גזלן ?!...

איך האָב פרומע יודען געפרעגט, אלטע לייט געבעטען, זיי זאָלען מיר גענוי ערקלעהרען וואָס איז דאָס אן עבירה. יעדער האָט מיר געענטפערט, און דאָך פערשטעה איך עס נישט...

און איך זאָג אייך, רבי, אז קיינער פערשטעהט עס נישט...

ווי אזוי זאָל איך פערשטעהן ? אדרבה, הערט אליין. מיט עטליכע וואָכען צוריק איז, נעבעך, עטעל נפטר געוואָרען... אז איך האָב דאָס דערהערט, כ'האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס, חלילה, אויף נאמנות, רבי !... איך בין געלאָפען צו איהר הויז... כ'מיין וואו „זי" איז געלעגען א טוידטע... כ'האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס, חלילה, אויף נאמנות, רבי !... איך האָב זי נאָר געוואָלט אָנקוקען... כ'האָב געוואָלט... כ'האָב געוואָלט... זיך די אויגען אויסרייסען... האָט מען מיך נישט אריינגעלאָזט, ווייל כ'בין א „כהן", און דאָס איז אן עבירה... כ'האָב גזעהען א שווארצען וואָגען.. א שווארצען... מ'האָט זי אוועקגעפיהרט... איך האָב געוואָלט צום קבר געהן... זיך אריינוואַרפען... צוהאקען זיך !... צורייסען זיך... די האָר זיך פון קאָפּ פליקען... האָט מען מיך נישט צוגעלאָזט... כ'בין א כהן — ס'איז אן עבירה !... עבירה ! עבירה ! עבירה ! אלץ עבירות ! !

רבי, איך האָב דאַמאָלס געוואָלט גאָט אליין פרעגען ! איך בין געלאָפען זיך ס'לעבען נעהמען ; דאָס גאַנצע לעבען איז ביי מיר נישט ווערטה געווען קיין צובראָכענער שטיפט !... האָב איך שמואל'ן געטראָפען, האָב איך איהם געזאָגט, כ'געה זיך הענגען, כ'געה זיך טרינקען... כ'וויל מעהר נישט לעבען ! האָט ער מיר נישט געלאָזט: א יוד, זאָגט ער, טהאָר זיך נישט ס'לעבען נעהמען — ס'איז אן עבירה :... איהר פערשטעהט ? — נישט נאָר לעבען, נאָר אפילו שטארבען, לאָזט נישט דער גזלן...

רבי ! איך גלויב עס נישט, מ'נאַרט מיך !... אלץ נאַרט מען מיך, אלץ !... אלץ א ליגען !...

וואָס זאָגט איהר ? — מ'טהאָר נישט אזוי זאָגען, דאָס איז אויך אן עבירה ?... שוין ווידער אן עבירה !...

רבי ! איך קען נישט רעדען... די טרעהרען שטיקען מיך.. נאָר, הרג'עט מיך, שחט מיך. איך פערשטעה עס נישט !...

האָום סוויט האָם

שטיל און רוהיג שלאָפט יעצט דער גרויסער ים,
דאָרט שווימט אַ שיף מיט רייזענדע פון יעדען שטאַם;
די ווייסע פליגלען די זעגלען פון דער שיף,
האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין אָבגרונד טיעף.
יעדער רייזענדער האָט געקוקט מיט אַ צופרידענעם בליק —
זיי האָבען אַלע שפּאַצירט לוסטיג אויפ'ן שיפ'ס „בריק"

„קינדער, זאָגט דער קאַפּיטאַן, לאָמיר וואָס זינגען—
„עפּעס רעכטס וואָס מיר זאָללען אַלע איינשלינגען;
„אַ ליעד וואָס זאָל אונז יעדען בעזונדער געפעלען —
„וואָס זאָל יעדען רייזענדען צופריעדען שטעלען".

א יונגע מיידעל, שעהן געבויט, מיט בלאָנדע לאָקן,
מיט אַ העלע קלייד און מיט זייד־בלויע זאָקען,
זאָגט צום קאַפּיטען מיט איהר ערנסטען לאַך;
„יא, מען זאָל זינגען אין דער ענגלישער שפּראַך,
„אוי יעס קעפּטען! אונזער ליעד מוז אויך האָבען אַ זין —
„איף יו פּליז,, סער, מיר זינגען „גאָד סייוו די קווין„.

„אונד איך גלויבע, האָט געזאָגט אַ דיימש אָנגעצונדען —
„דאס איך האבע פיעל בעסערעס געפונדען;
„מיין ליעד איז געטליך, אויך די מעלאָדיע־שעהן,
„וויר זינגען ליבערסט אַלע, אונזער „וואכט אם רהיין"
„מענאַע, איך זאָג אייך, מעסיו מעדאַם, טויזענד מאָל ניין!
„זינגט ניט דאָס פערדאַמטע דייטשע „וואכט אם רהיין"
„דייטשלאַנד האָט קיין גוטעס, אויסער לימבורגער קעז —
„לאָמיר בעסער זינגען אין כאָר אונזער „מאַרסיילעז"

„אָה, ליעבעסיגנאָרעס! נור פון מיר קענט איהר האָפען —
איז אן איטאַלענער אויפגעשפּרונגען האַלב בעזאָפען —

,,פרעסטאַ! פרעסטאַ סיגנאָרעס! מאַכט אַלע אַ וואָרע —
,,איך וועל זינגען אונזער ,,פּאַטריאַ פּיסי קאַרע"

פלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבען איין רוש —
און האָט גיענטפערט מיט פערדרוס,
,,נאַשטאָ וואָס בראַטיאַ די גאַנצע קריגעריי!
,,זאַפּיווי לוצשע זאַ באַטישקאַ צאַריאַ ניקאָליי —

פלוצלונג האָט זיך צוגערוקט און געבליבען שטעהן
אַן אַמעריקאַנער מיידעל פון ליעבע און אויך חן:
,,צו וואָס טויג אונז לאָנדאָן, בערלין, פּאַריז, ראָם?
,,לאָמיר אַלע זינגען דאָס ליעד פון ,,האָם סוויט האָם".
,,דיזע ליעד דאַרף ווערען פון אַלעמען אנגענומען,
,,יעדער פון אונז ווינשט בשלום אַהיים קומען.

אַ אידישער רייזענדער וואָס איז געשטאַנען רעכטס,
האָט באַלד געענטפערט מיט אַ שרעקליכען קרעכץ:
,,פריינדע! אייער ,,האָם סוויט האָם" איז גוט,
,,די זיסע היים גיבט יעדען האָפנונג און מוטה:
,,אָבער נים יעדער קען זינגען אייער שעהנע ליעד —
,,איך אויך נים, איך בין אַ פערוואָגעלטער איד,
,,סוויט האָם! וואו איז מיין זיסע היים? קענט איהר מיר זאָגען?
,,וואו איז דען פאַר'ן אידען אַ היים אָהן צרות, אָהן פּלאָגען?
,,מיר לויפען פון גלות, אונזער גלות האָט קיין עק,
,,הונדערטער אידען פלאָגען זיך אונטער'ן שיעף 'ם דעק!
,,זייט צוויי טויזענד יאָהר שטעהט פאַר אונז אָפען דער ' הום—
,,על נהרות בבל! — דאָס איז אונזער ,,האָם סוויט־האָם".

ש. י. אימבער

אויס דער פּאַעמע „עסתּר׳קע“

די זון האָט זיך געטובל׳ט אין גאָלדבעשפּריצטען וואַסער,
דער הימל האָט געשמייכעלט אַלץ רוהיגער און בלאַסער,
עס איז אַ טוי געפאַלען אויף גראָזען און אויף בלומען —
דער מלך איז פאַרנאַכטליך צו אסתר׳קען געקומען.

דער מלך האָט פון רייטפערד זיך טיעף אראָבגעבויגען,
די שענע האָט צום ליעבסטען דערהויבען איהרע אויגען,
דערהויבען און פערשעהמט זיך און שטיל געלאָזט זיי זינקען —
עס האָבען זי געטראָפען די קעניגליכע פונקען.

דער מלך איז געשטיגען פון ווייסען פערד ארונטער —
די שענע מיידעל־אויגען, זיי לייכטען ווידער מונטער,
די ווייסע מיידעל־אָרעם, זיי שטרעקען זיך און שטרעקען —
צוויי פלאַמענדע ליפּען מיט פייער זיי בעדעקען.

דאָס פייער איז דערגאַנגען צום האַרץ, צום יונגען האַרצען,
פערברענט דאָרט די זכרונות פון ליידען און פון שמאַרצען;
— נאָר גליק זאָל דער געליעבטער אין איהרע אויגען לעזען...
זי האָט אין גראָז געזעצט זיך, דאָס גראָז איז ווייך געוועזען...

אין גראָז האָט ער געזעצט זיך, אין גראָז אין ווייכען, קיהלען —
אין לופט האָט זיך געטראָגען אַ דופט פון צאַרטגעפיהלען,
אַ דופט פון צאַרטגעפיהלען, האַלב זיס בעגליקט, האַלב טריבליך,
די בוימער ביי דעם וואַסר, זיי רוישען אַזוי ליעבליך...

די בוימער ביי דעם וואַסער, זיי סוד'ען זיך פון גליקען —
די פייגעל אויף די בוימער צום הימעל ליעדער שיקען...
דער מלך האָט פיעל כח דערפיהלט אין זיינע אָרעם:
„הער, אסתר'קע, די פייגעל, זיי זענען אונז כלי־זמרים...

„די בוימער זאָגען ברכות און ווערען באַלד אנטשלאָפען...
ווער ווייסט, צי זייער ברכה האָט אונזער נאַכט געטראָפען...
צי וועלען שטערן פאַלען, צי וועלען שטערן שיינען?
צי וועט מיין האַרץ היינט לאַכען, צי וועט מיין האַרץ היינט
וויינען?

„אוי, שטערען וועלען שיינען, און שטערען וועלען פאַלען...
אוי, ס'וועט דאָס האַרץ מיינס וויינען און פון געלעכטער שאַלען...
אוי, ס'וואָלט מיין האַרץ ווי גערן צו דיינע פיס געפלויגען!
זעה, אסתר'קע, דאָס האַרץ מיינס לייכט דיר פון מיינע אויגען!

„זעה, אסתר'קע, אַזוי ווי די זון פערלעשט די פלאַמען
אין ווייטע, ברייטע טייכען, אין אונענדליכע ים'ן —
אַזוי וויל אויך דאָס האַרץ מיינס דערטרינקען זיין בענגעהרען
ביי דיר אין דער נשמה... ווערסטו דיין זעל מיר וועהרען?...

...די זון האָט זיך בעהאַלטען אין ווייכען שוים פון וואַסער —
דער מאָנד איז אויפגעשוואומען א בענקענדער, א בלאַסער —
דער טוי האָט איינגע'שכור'ט די גראָזען און די בלומען —
דער מלך האָט אסתר'קען מיט ליעב אַרומגענומען.

זי האָט איהם נישט געוועהרט נישט די ליפען, נישט די אויגען,
זי האָט איהם נישט געוועהרט פון איהר זיסקייט זאַט צו זויגען,
זי האָט איהם גליק געגעבען, ווי נאָר א מענש קאָן געבען —
...צי האָט נישט דאָרט א סאָווע א קרעכץ געטהאָן דאַנעבען?

די ערשטע טבילה

עס ברענט דער פראָסט, עס שניידט דער ווינט,
און באַשע פיהרט און צילה
דעם פישער'ס טעכטער'ל אַ צינד
אין קאַלטן וואַסער־טבילה.

„ניט שרעק זיך, קינד, ניט מאַך דערפון!
די צייט האָט אָנגעוואונקען:
פערגאַנגען איז דאָך שוין די זון,
דו מעגסט זיך אונטערטונקען.

„דעם בורא'ס חסדים זענען גרויס,
ניש'קשה, מאַך קיין תנועה!
דו שפּרינגסט אַריין, דו שפּרינגסט אַרויס,
און כשר, צו רפואה".

און זיה, עס צוקט דאָס צאַרטע לייב,
אין ווילדן פראָסט און שטורם,
אַ, ווילסטו זיין אַ יודענס ווייב,
געוועהן זיך צו יסורים!

זי שפּרינגט אַריין, זי שפּרינגט אַרויס,
אומזיסט, אומזיסט, נחמה!
דאָרט שטעהט און קוקט רעד בעל־הגוף —
דו ביזט געבליבען טמא.

און ווידער האָבען זיך געטוקט
מיט שרעק די שענע גלידער;
דאָך פון דערווייטען שטעהט און קוקט
דער ערל, — טמא ווידער.

אַלץ שטאַרקער ווערט דער פראָסט, ער ברענט!
די מוטער און די שכנה,
זיי ברעכען די צופראָה'רנע הענד,
און בלייכער ווערט די שענע.

„נו,' טהו זשע ווי דער דין איז, קינד!
אוועק איז שוין דער רשע
אריין צום דריטען מאָל, געשווינד!
קיין בייז, קיין בייז, ניש'קשה!"

די בלייכע ווייכט פון דין ניט אָב
און טהוט ווי ס'שטעהט געשריבען:
זי איז אריין, זי איז אראָב,
און איז שוין דאָרט פערבליבען...

גאָלץ מיללער

סלושאַיי!

(פון גאָלץ מיללער).

ווי שווארצע מחשבות ביי'ן מסור אין זינען,
איז פינסטער פון טיעף־הערבסט די נאַכט.
נאָך שווארצער פאַר איהר איז די תפיסה, דער בנין,
וואָס שטעהט ווי אַ דמיון פערטראַכט.
עס געהען אום רונד און ארום איהר די וועכטער
און ס'ציהט זיך דער לאַנגזאַמער שריי,
ווי עמיצער שרייט אונטער מעסער ביין שעכטער:
סלו־שאַ־איי! סלו־שאַ־איי!!

האָטש הויך איז די וואַנד ארום פינסטערן מויער,
די שלעסער — געגאָסענע שטאָל,

האַטש אַלץ איז פערזונקען אין אומעט און טרויער,
מען הערט ניט קיין מענשליכען קול. —
און דאָך איז די תפיסה נאָך ווייט נישט געשטאָרבען,
דו. וועכטער, פערדרעמעל נישט זיי.
נישט גלויב, אז אין תפיסה שלאָפט רוהיג א קרבן!
סלו־שאַ־איי ! ! סלו־סאַ־איי !!

אָט שטעהט דער פערהאַפטער ביי׳ם פענסטער דעם הויכען,
די קאָפּ ביי דעם גריל, שטאַרק פערטראַכט.
די ברענענדע אויגען פון פּנים דעם בלייכען
פערזונקען אין חושך פון נאַכט.
ס׳איז שטיל... נור עס שרייט ווען נישט ווען אוים א שפּאַרבער,
צי ס׳הערט זיך א הונד׳ס בילעריי, —
און ס׳ציהט זיך דער נגון, דער טרויעריג־האַרבער!
סלו־שאַ־איי !! סלו־שאַ־איי !!

„נישט טעג און חדשים, נאָר יאָהרען און יאָהרען
׳זיץ איך דאָ אין תפיסה פערשמיעדט!
מיין האַרץ איז אָהן פרייהייט צו־וויטיגט געוואָרען...
„ניין! ליידען מעהר קען איך שוין ניט!
„אָט דאָרט, הינטער וואַנד, איז די הייליגע פרייהייט, —
„און דאָ — נאָר א שפּיעז אָדער בליי!
„אָ, פינסטערע נאַכט, דו בעוויז מיר דיין טרייהייט!!
סלו־שאַ־איי !! סלו־שאַ־איי !!

א שפּרונג און א פאַל... גיכע טריט... א גערודער...
קנאַק און א בליאַסק און א שאָס!...
א מענש האָט פערגאָסען די בלוט פון זיין ברודער
און פרעגט איהם, און פרעגט איהם ׳פאַר וואָס?"
עס הערט זיך דעם שטערבענדענס לעצטע יללה:
„— אָ! פרייהייט! ... א ! לעבען!... פערביי!...׳
עס ענטפערט אויף דעם נאָר א שימפף און קללה...
סלו־שאַ־איי !! סלו־שאַ־איי !!

עס האָט דורך דעם וואָלקען די בלייכע לבנה
גענעבען פון הימעל אַ בליק
און ווי אַ פערצאַגטע פערוויינטע אלמנה
בעהאַלטען דעם פנים צוריק.
און ווידער אין תפיסה איז אַלץ ווי געשטאָרבען,
און ס'יאָמערט דער קול אויף דאָס ניי.
ווי אימער קלאָגט אויף דעם קבר פון קרבן:
סלו־שאַ־איי !! סלו־שאַ־איי !!

דער קבר

(פון ניקיטין).

דער קבר איז פאַרטיג, דער קבר איז אָפען...
אַ לעבען אָהן פריידען, אַ לעבען אָהן האָפען
אַ לעבען פון אומעט און ביטערער נויט,
אַ לעבען פון צרות, פון פיין און פון לייד,
אַ לעבען אָהן ליעבע אָהן גליק און אָהן מאַכט,
אַ לעבען — אַ שטילע אַ פינסטערע נאַכט
טרויעריג ביסט דו זיך נעבעך געגאַנגען
און ווי אין מדבר אַ פייער פערגאַנגען!
שלאָף זשע איין רוהיג מיין מזל דער שטערנער
אַ דירה אַ שמאָלע, אַ פּאַלאַץ אַן ענגער,
עטליכע ברעטער, עטליכע שטיינער, —
און אויף גאָט'ס וועלטעל ט'פעלען נור איינער
אַ נפש אַ שטילער, אַ נפש אַ קליינער.
דער היזק וועט קיינעם נישט טשעפּען ריהרען,
אויפן קבר ט'קיינער קיין טרעהר נישט פערלירען...
עס הערט זיך פון ווייטען — אַ פייגעלע זינגט,
זי וויינט, זי צוגיסט זיך, זי יאָמערט און קלינגט.—
פייגעלע, שטילער... קיין ליעדער, קיין טרעהרען.
ווער ס'ליעגט שוין אין קבר, ט'נישט לעבעדיג ווערען..

קיין עין־הרע ניט.

(מאָנאָלאָג).

— ווי איהר זעהט מיך אַטאָ, בין איך מיר קיין עין־הרע אַ יוד אַ בעל־עגלה, מיט קיין עין־הרע צוויי פערדליך אייגענע; יענ־ער, דער דער בולאַנער, איז ביי מיר שוין קיין עין־הרע דאָס אַכטע יאָהר, ווי איהר קוקט איהם אָן, אַ שווערפּיסיגער, נישט אַזאַ לוי־פער, נאָר אַ „נעמער" קיין עין־הרע אַ גוטער, און דער קאַשטאַנאַ־וואַטער איז אויך קיין עין־הרע אַ יאָרעדיג פערדיל. מיט אַזעלכע צוויי פערדליך אַז גאָט שיקט צו גוטע פאַרשווינדליך און אַ סך, קאָן מען האָבען פּרנסה קיין עין־הרע מיט'ן פולען מויל, און פּרנסה דאַרף מען, וואָרום אין דער היים איז פאַראַן אַ ווייב מיט קיין עין־הרע זעכס פּיקערס; זי האָט קיין עין־הרע אַלע יאָהר. אסתר הייסט דאָס, און דערפאַר האָט זי טאַקי אַ פּנים פון אַ רוח, געווען אַ שענע קיין עין־הרע, אַזאַ נ־איידעלע, אַ צורה־מלוכה, בשעת איך האָב חתונה געהאַט פאַר איהר; כ'בין נאָך דעמאָלט געווען אַ שמייסער ביי יענעם, אַ בחור קיין עין־הרע איין אייזען. וואָס מיר ווינטער? ווער מיר זומער? וואָס מיר שניי? ווער מיר בלאָטע? איבערגעקעהרט זיך דער וואָגען? אַליין גענומען אויף די פּלייצעס און אַליין קיין עין־הרע אויפגעהויבען איהם פון דער בלאָטע, אפילו זיך ניט פערקרימט. אָט אַזאַ מין פאַרשוין בין איך געווען. און זי, אסתר הייסט דאָס, איז געווען אַ יתומה, און דוקא אַ בעל־הבית'יש קינד, אַ מלמד'ס אַ טאָכטער, נאָר מחמת זי איז געווען ניט איינע, קיין עין־הרע אַכט שטיק זענען זיי געווען, און די מוט־ער איז איין אָרימע אלמנה האָט זי נעביך זעהר געוואָלט חתונה מאַכען די טאָכטער, האָט מען איהר געערדט שדוכים קיין עין־הרע די שענסטע, די פיינסטע שדוכים. נאָר איין חסרון — קיין געלד איז ניט געווען און מיר זענען געזעסען אונטער איין דאַך, זענען מיר געזעסען, רוף איך זיך אָן צו איהר איין מאָל, צו אסתר'ן הייסט דאָס, יום־טוב איז דאָס געווען; אַלע זענען געווען אין שול; „אסתר, זאָג איך, דו וועסט מיך נעמען?" שווייגט זי. זאָג איך צו איהר נאָך אַמאָל: „אסתר, זאָג איך, קוק ניט, זאָג איך, וואָס איך

בין אַ שמייסער, זאָג איך, ביי יענעם, איך האָב צונויפגעשלאָגען, זאָג איך, מיין אייגענס קיין עין־הרע אַ קערביל עטליכע אונדריי־סזיג; האָב איך נור חתונה, זאָג איך, אזוי קויף איך מיר באַלד אַ פערדיל און ווער אליין אם־ירצה־השם אַ בעל־עגלה, זאָג איך, און אַ יונגיל זאָג איך, בין איך קיין עין־הרע אַ האַרעפּאַשנער, האָרע־ווען קאָן איך, עס וועט דיר, זאָג איך, זיין ביי מיר קיין עין־הרע גוט ווי דער וועלט, פונ׳ם שענסטען אונ פונ׳ם בעסטען!" שוויינט זי.

קצור מיר האָבען חתונה געהאַט; אז מיר האָבען חתונה גע־האַט, האָט זי באַלד אָנגעהויבען קינדלען, קיין עין־הרע אַלע יאהר, אַלע יאהר אַ קינד; און אַז זי האָט אָנגעהויבען צו קריינקען, האָט זי געקריינקט און געקריינקט, אַוועק געקריינק אַ צייט! זאָג איך צו איהר: ׳אסתר, וואָס וועט זיין, זאָג איך, דער תכלית וואָס דו קריינקסט?" לאַכט זי. „אסתר זאָג איך דו לאַכסט און מיר טריפט זיך בלוט קוקענדיג אויף דיר; טאַמער, זאָג איך. וואָלטען מיר זיך דורכגעגאַנגען צום דאָקטאָר? אפשר, זאָג איך, וועט ער געפינען עפּיס אַ סגולה?..." האָבען מיר זיך אָנגעהויבען קלויבען צום דאָק־טאָר, האָבען מיר זיך געקלויבען און געקלויבן, וואָרום ווען האָב איך צייט משטיינס געזאָגט, אז די גאַנצע וואָך איז מען קיין עין־הרע אין דער אַרבייט. סיידען שבת?

קצור מיר האָבען זיך אַרויסגעריסען איין מאָל אין שבת צום דאָקטאָר. געקומען צום דאָקטאָר, פרעג איך דעם דאָקטאָר, וואָס טוט מען, זאָג איך, פּאַני מאַרשאַלקי, וואָס זי קריינקט?' נעמט ער און בעטראַכט זי און הערט זי אויס און רופט זיך אָן צו מיר: „דיין ווייב איז ניט געזונד". זאָג איך צו איהם: „פּאַני קאָנסול־יאַרזשע, גוט וואָס איהר האָט מיר געזאָגט, אַ ניטוואָלט איך ניט געוואוסט"! מאַכט ער צו מיר: ׳נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגען; איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, זאָגט ער, אז דו בעדאַרפסט זי אָבהיטען, היטען ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג; זי טאָר, זאָגט ער, ניט האָבן קיין קינדער מעהר, וואָרום טאַמער האָט זי נאָך אַ צוויי קינדער, זאָגט ער, וועט זי קלאַפּירען". „קלאַפּירען? —— זאָג איך, —— בייסט אייך אָב די צונג פּני! זי איז ביי מיר,

זאג איך, —אײנע, זי איז בײ מיר טהײערער פון זיך אלײן און פון מײנע צװײ פערדליך אפילו, און איהר רעדט גאר פון קלאפּי־רען, זאג איך, װאס טויג מיר, זאג איך, אײערע עצות? איהר גיט איהר עפּיס ארפואה, זאג איך, אסגולה זי זאל אויפהערען, זאג איך קרײנקען!"... אזוי לאנג אזוי ברײט, ער האט איהר פערשריעבען א רפואה, פּראשקעס אזעלכע, און מיר געהען אהײם, געקומען א הײם. זאג איך צו איהר: „אסתר, האסט געהארכט װאס דער קלוג־ער דאקטאר האט געזאגט?"... לאכט זי.

קצור עס געהט אװעק נאך א יאהר און נאך א יאהר, און װאס װײטער װערט זי ערגער און ערגע ר, און די קינדער, איהר זאלט זעהען, דוקא קײן עין־הרע איבערגעװאשענע קינדער אײנס און אײנס. דאס עלטערע יונגיל שױן אלט קײן עין־הרע דאס דרײ־צעהנטע יאהר, געגעבען איהם אין חדר, געװאלט מאכען פאר א למדן, װער, װאס? אז דער קאפּ איז איהם גאר בײ די פערדליך! און אזוי איז דער אנדערער, און אזוי איז דער דריטער. איך קום צופאהרען אהײם און שפּאן אוים די פערדליך — א! א! מײן חברה קײן עין־הרע איז דא: אײנער אויפ'ן װאגען, דער אנדערער אינטערען װאגען; אײנער אויף אײן פערדיל, דער אנדערער אויפ' אנדערען פערדיל, און דער קלנערער זיצט גאר רײטענדיג אויפ'ן דישעל. „װײסע חברה'ניקעס, זאג איך, ניט גערעכט זאלט איהר װערען! נעחײ װאלט איהר בעסער חשק געהאט צום סדור?'... עס פערדריסט מיר זעהר, סטײטש סע קאסט מיך בלוט, איך צאהל שכר־למוד, װער פערשװארצט א גאנצע װאך, פאר ארום הין און צוריק מיט'ן בײדיל, פּארדין טאקי קײן עין־הרע דאס שטיקעל ברויט, אבער טאקי נישט מעהר װי דאס שטיקיל ברויט, מחמת די גרעסטע העלפט געהט אװעק אויף זײ. אויף די פערדליך הײסט דאס; זײ דארפען קײן עין־הרע הײ און האבער אלע טאג, דעם װאגען שמירען דארף מען אויך, און א שטוב קײן עין־הרע אויסהאלטען איז נישט קײן װערטעלי, און אלײן איז מען אויך א מענש, אונטערװעגענס קײן עין־הרע א בעל־עגלה. שױן נישט קײן שמײסער בײ יענעם, אמאל אביסיל בראנפען, אמאל פארבײסען, די נשמה אויסשפּײען קאן מען ניט, און אין מיטען דרינען, שא,

פאַלט גאָר אַ פערד, איז איין עק, אוים גדולה!

אַ שטיקעל גליק, הערט איהר, פאַר נאַש בראַט, וואָס גאָט האָט געשענקט אונז, בעלי־עגלות, דאָס שטיקעל שבת — אַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען. קומט שבת, ווערט איהר מיך נים דערקענען, קיין עין־הרע גאָר איין אנדער מענש! אז איך קום פאַרפריה פרייטאָג אהיים. איז ראשית־חכמה פון אלע ראשית־חכמות — אין מרחץ אריין, דאָרטען פאַרע איך מיך קיין עין־הרע אוים אויף אלע זייטען ווערט אויף מיר אַ נייע פעל. איך קום אהיים אַ פרישער, אַ צאַפּעלדיגער, טרעף איך אויפ׳ן טיש די שענע צוויי אויסגעריבענע מעשענע לייכטער מיט קיין עין־הרע צוויי גרויסע קוילעטשען, און די פיש קיין עין־הרע לאָזען זיך הערען שוין פונ׳ם אויבען איבער דער גאַנצער שטוב, און אין שטוב איז וואַרעם קיין עין־הרע, ריין און ציכטיג אין אלע ווינקעליך חאָטש שפּיגעל זיך. דער טשאָלנט איז פאַרריקט, דער פּריפּעטשיק אָבגעשמירט, די קאַטץ וואַרעמט זיך, און איך להבדיל בין מעביר די סדרה קיין עין־הרע צוויי מאָל; נאָכדעם געה איך מיר אין שול אריין דאַווגען און קום אהיים מיט׳ן ברייטען גוט שבת, זאָג אָב די שלום־עליכם׳ס, מאַך קיין עין־הרע דעם פיינעם קדוש איבער קיין עין־הרע אַ גוט ביסיל בראָנפען, עס אָב קיין עין־הרע די גוטע וועטשערי. די אמת׳ע פיש, די ריינע יוך מיט׳ן „צימעסדיגען צימעס“ און לייג מיך רוהען. שלאָף אידאָב קיין עין־הרע די גאַנצע נאַכט ווי אַ מלך; און אין דער פריה געה איך מיר אין שוהל אריין, קיין עין־הרע ווי אַ גראַף, און אין דערהיים וואַרטען שוין אויף מיר קיין עין־הרע אלע שבת׳דיגע מאַכלים: דער בעל־הבתישער רעטאַך מיט די כשר׳ע ציבעלים, די געהאַקטע אייער מיט׳ן שענעם לעבער, די פיינע פּטשאַ מיט׳ן לייעטישן קנאָבעל, די הייסע יוך מיט׳ן פעטען קוגעל, וואָס רינט פון איהם קיין עין־הרע די שמאַלץ ווי פון אַ וואַרעטשיק. אודאי קאָן מען נאָך אזאַ מין סעודה קיין עין־הרע גוט שלאָפען; און אז מע שלאָפט זיך אוים נאָך אזאַ וואַרעמ׳ס, וויל מען דאָס קיין עין־הרע אַ טרונק; און אַז סע ברענט אויפ׳ן הארצען, זאָגט איהר, איז עפּיל קוואַס נישט קיין שלעכט ביסיל משקה, און באַרליך־צימס נישט קיין שלעכט מאַכל; און אז מע

טרינקט אויס אַ קוואַרט עפּילקוואַס קיין עין־הרע און מע פאַר־בייסט מיט באַרליך־צימעס, נעמט מען זיך צום תהלים און מע רייבט קיין עין־הרע קאַפּיטעל נאָכ'ן אַנדערען; זיי פליהען קיין עין־הרע, די קאַפּיטליך, ווי די ווערסטען אויפ'ן גרויסען טראַקט. איינס נאָך דאָס אַנדער'ע, איינס נאָך דאָס אַנ־דערע...

* *

—ספּררררו! — מאַכט דער כתריליוקער בעל־עגלה, און איידער מיר קוקן זיך אַרום ליגען מיר אַלע מיט'ן וואָגען אין דער בלאָטע. די פאַרשוינען וואָס זענען געזעסען „פאַריטש" ליגען מחילה פון אונטען, און מיר, די בוידפאַרשוינען, פון אויבען; און דער „בולאַגער" מיט'ן "קאַשטאַנעוואַטען", פאַרוואָרפען די קעפּ אַרינטער, באַרבלען זיך מיט די פיס, ווילען נעביך אויפשטעהן און קאָנען נישט.

— פון זינד איך בין אַ בעל־עגלה, הערט איהר, שוין קיין עין־הרע עטליכע און צוואַנציג יאָהר, טרעפט זיך מיר איך זאָל דאָ ליגן באַרג־אַראָב מיט'ן וואָגען וויפיעל מיינט איהר?— סך־הכל דאָס דריטע מאָל קיין עין־הרע נים...

פּראָליטאַרישע כּלה

דעקלאַמירט פון לעאָן בלאַנק.

אסתר'ל איז דאָס איינציגע טעכטעריל ביי עטעלע די אלמנה —
איהר איינציגע טרייסט, איהר איינציגע מתנה.
וואָס ס'איז איהר געבליבען פון איהר געליעבטען מאַקס
אַ שעהנער, אַ געזונטער איז ער געווען —
זי פערשטעהט ניט ווי אזוי עס איז געשעהן,
פּלוצים מיט אמאָל איהר טהייערער מאַקס
האָט אָנגעהויבען ווערען געל ווי וואַקס;
אויף זיין העגקערטשיעף אין עק
האָט זי דערזעהן אַ רויטען פלעק.
זי האָט זיך צואוויינט מיט גרויס יללה:
איהר אָרעמער מאַקס האָט די פּראָלעטאַרישע קללה.
דאָן איז קוים אַ יאָהר אוועק,
געשטאָרבען איהר מאַן — אויס, און עק.
נור ווען זי גיט אויף אסתר'לען אַ קוק
דאָן שיינט אַ פייער אין איהר בליק —
צוליעב דיר, מיין קינד, מיין טרייסט, מיין נשמה;
צוליעב דיר מוז איך לעבען, מיין איינציגע נחמה.
און די מאַמע האָט בעשלאָסען אַ גרויסע זאַך —
איהר אסתר'לען צו מאַכען מיט לייטען גלייך.
זי ארבייט אין דער היים ביי טאָג און ביי נאַכט
און וועגען איהר קינד'ס גליק נור זי טראַכט.
אָט ענדיגט זי סקוהל, אין קאַלעדזש וועט זי זיין...
איהר אסתר'ל אַ טיטשערין... אַך, ווי פיין!
פון דער פּראָלעטאַרישער קללה וועט זי ניט וויסען,
פרישע לופט וועט זי נור געניסען..."
אזוי פאַנטאַזירט די מאַמע פון איהר קינד'ס גליק,
ווען פּלוצים עס פאַלט אויף דער וואַנד איהר בליק,
אויף דעם בילד פון איהר טויטען מאַקס.

איהר דאַכט זיך: אַז שטעהט ער טויט ווי וואַקס
און זאָגט: „עטעלע, איך בעט דיך, היט אָב אונזער קינד,
זעה אונזער אסתר'ל זאָל זיין געזונד.
לאָז זי ניט געהן אין שאָפּ וואָס האָט מיך
פאַר דער צייט אין דער ערד געלעגט גיך.
נור פּלוצים קומט אסתר'ל מיט פּאַפּירען אין האַנד,
איהר וואָלט שווערען זי איז אַ קאָפּיע פון דעם בילד אויף דער וואַנד.
שוואַרצע לאַנגע האָר, בעקעלאך רויט און בליהט:
„מאַמעניו, מאַמעניו, געענדיגט די סקוהל.
ס'וועט באַלד ניט זיין די צרות וואָס געווען אַמאָל
בלויז אַ פּאָר יאָהר: אַ טיטשער וועל איך זיין,
ארבייטען וועסטו ניט, מאַמעניו... ניין!"
און עטעלע דריקט פעסט צום הארצען איהר קינד,
עס האָט זיך געעפענט איהר אַלטע וואונד
פאַר שמחה וויינט זי די מינוט —
דאָס בילד וויינט מיט.
און אָט פון דער וואַנד שטרעקט ער אויס די האַנד,
ער שפּרינגט פון דער וואַנד צו די צוויי,
שפּרייט זיינע דאַרע הענד איבער זיי.

אוי... עטעלע האָט אַ שמאַך אין דער זייט דערפילהט,
דאָס בלוט אין איהר אַדערען ווערען איהר פערקיהלט;
עס האָט זיך גלייך אָבגערופען אין איהר הערץ,
אין ברוסט האָט זי דערפיהלט אַ שטאַרקען שמערץ.
— מאַמעניו טהייערע, וואָס האָט פּאַסירט?
וואָס ביזטו אַזוי בלאַס? פון שמחה געריהרט?
„גאָר ניט, מיין קינד, שוין אַן אַלטע וואונד."
אַ פּאָר טעג זיינען אַוועק
און דערזעהן האָט זי מיט שרעק
אויף איהר הענקערטשיעף אין עק —
אַ רויטען פלעק.

פערצווייפעלט שרייט זי מיט געוויין:
„גאַטעניו, איך פרעג דיך אליין,
קאַלטער מערדער איז דאָס רעכט?
ווי קענסטו זיין צו מיר אזוי שלעכט?
פאַרוואָס קומט מיר די שטראָף, פאַר וועלכע זינד?
ווער וועט יעצט זאָרגען פאַר דער יתומה, מיין קינד?"
און עס האָט ניט גענומען לאַנג
עטעלע ארבייט ניט: זי איז קראַנק.
אלעס איז פאַרזעצט, אלעס ביז צו לעצט;
אין שטוב איז קאַלט און נאָס.
ערגער ווי אויף דער גאַס.
גרויס איז די נויט, נישטו א שטיקעל ברויט...

אין א קאַלטען ווינטער מאָרגען
איז אסתר'ל פול מיט זאָרגען
געגאַנגען אין שאַפּ און טראַכט:
„גאַטעניו, וואָס האָסטו פון אונז געמאַכט?"
ווי א צושראָקען פויגעלע שטעהט זי ביים טהיר
און האָט מורא זיך צו געבען א ריהר.
און אַט קומט א שמאַלצער פאָרמאַן און זאָגט:
— אַט דאָרט איז אייער אָרט!
געהט אהין איז אייער מאַשין.
אין שאַפּ איז געווען טונקעל
אסתר'ל איז אוועק אין ווינקעל.
זי האָט געגעבען א בליק אויף דעם גאַנצען שאַפּ,
און ערשראָקען ביים הארצען זיך געגעבען א כאַפּ.
בלייכע פּנים'ר האָט זי דערזעהן אלערליי —
די פּראָלעטאַרישע קללה רוהט אויף זיי.
„איך בין עלענד ווי א שטיין,
זאָל דער שאַפּ אויך מיין ענדע זיין?
איין אָפּערייטאָר צום אַנדערען זאָגט:
„אוי ברידער, מיין הארץ אין מיר קלאָגט.

גערענקסטו דעם אַפּעריטאָר מאַקס,
זי איז אויך, אַזוי ווי ער, געל ווי וואַקס.
ביים זעלבען מאַשין איז ער געזעסען —
איך וועל עס קיינמאָל ניט פערגעסען,
ווען ער האָט מיר פּלוצים געוויזען אַ שטיק בלוט
און דאָס איז געווען זיין לעצטע מינוט.
פאַר זיין טויט האָט ער געשריען: אַ מפּלה, אַ מפּלה
אויף די וואָס שאַפען די פּראָלעטאַרישע קללה!"

די צייט איז אוועק, די צייט האָט געזיעגט
אסתר'ל אַן אַפּרייטערשע אין חלומות פערוויגט.
זי איז אַן אַפּרייטאָרקע מיט די ביינער
דאָס וועט ניט לייקענען קיינער!
אַרבייט נעבעך שרעקליך שווער
אום צו פערדינען עטוואָס מעהר,
פון אין דער פריה ביז שפּעט ביי נאַכט,
דאַן געהט זי אַהיים פערמאַטערט, פערטראַכט,
עפּעס שטעכט איהר אין אַ זייט, נור מען טאָר ניט האָבען אין זינען,

ווען ניט, וועט זי אַלע טאָג אַן אַנדערען שמערץ געפינען
אין אַ געוויסען מאָרגען בעגינען
האָט אסתר'ל אין שאָפּ אַ יונגען מאַן געפונען,
ער זיצט ביים מאַשין פערטראַכט,
מען זאָגט: ער שטודירט דאָקטאָר ביי נאַכט
מעכאַניש גיט זי אין קאָנער אַ קוק,
און טרעפט זיך צוזאַמען מיט זיין בליק.
זי האָט זיך פערשעהמט, ניט געקוקט מעהר אַהין
און כאַפּט זיך האַסטיג צוריק צום מאַשין.
זי אַרבייט שנעל אָהן אויפהער
ביז זי האָט קיין קרעפטען מעהר
און דאַן דערפיהלט זי אַ וועהטאָג אין הערץ,

אין זייט עס שטעכט אַ שרעקליכער שמערץ,
נור אַט איז אין שאַפ אַ נייעם געשעהען

איינער דערצעהלט: ער האָט זיי ביידע געזעהען
און אַ צווייטער שווערט, אַז ער האָט געהערט
ווי מאַקס האָט אסתר'לן ליעבע ערקלעהרט.
און עס ווייסען שוין אַלע,
אַז זיי זיינען חתן כלה.

אסתר'ל און מאַקס פיהלען זיך גוט,
די קראַנקע מאַמע אין בעט פרעהט זיך מיט
און ווען די קינדער זיצען פערטראַכט
איבער די ביכער שפעט ביי נאַכט,
זאָגט די מאַמע: „קינדער האָט אין זינען
די פראָלעטאַרישע קללה זאָל אייך ניט געפינען
היט זיך פאַר דער קראַנקהייט, וואָס האָט זיינע לונגען צופליקט;
עס איז דאָס גרעסטע אומגליק וואָס האָט אונז אַלע צוגעדריקט.
אין אַ הייסען זומער טאָג איז עס געווען,
ווען דאָס גרויסע אומגליק איז געשעהן:

אסתר'ל האָט זיך אויף דער היץ בעקלאָגט
און מאַקס טרייסט זי מיט ווערטער און זאָגט:
פּלוצים, אוי וועה! אַ שרעקליך געשריי
האָט דורכגעבראָכען די פערפעסטעטע לופט אין שאַפ
און יעדער האָט זיך דערשראָקען ביים קאָפּ געגעבען אַ כאַפּ:
„זעהט ווי אסתר'ל האָט זיך צוהוסט.
זעהט ווי פון איהר האַלז בלוט זיך גיסט."
אַלע זיינען ערציטערט, שרעקליך פערביטערט.
מאַקס ערשראָקען, טויט ווי די וואַנד,
שטעהט און האַלט אסתר'לס האַנד.
זיינע אויגען זיי בליצען, מיט פייער זיי שפריצען
און שטיל פערביסען זאָגט ער: אַ מפּלה, אַ מפּלה

אויף די וואָס שאַפען די פּראָלעטאַרישע קללה!

איין אַמבולאַנס איז געקומען און האָט אסתר'לען צוגענומען.
אין מאונט סיני האָספּיטאַל, הינטען אין ווארטונג זאַאַל
די קראַנקע מאַמע און מאַקס ווילען אריינגעהן,
זעהען זיי אָבער ביים טהיר א מאַן שטעהן
און ער זאָגט זיי, אז נור איינער קען אריין געהן.
„געה דו, מאַקסעלע, דיך וויל זי זעהן"!
ער איז ארויף צו איהר און ביים בעט געבליבען שטעהן,
און בלאַס ווי די וואַנד גיט זי איהם די האַנד.
— וואָס מאַכסטו, מאַקסעלע, — האָט זי איהם געפרעגט
מאַקס איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט
און האָט זיך צוואוויינט ווי אַ קליין קינד:

— מיין טהייער אסתר'ל, דו וועסט נאָך זיין געזונד.
די נוירסעס צווישען זיך זאָגען שטיל:
„עס וועט ניט דויערען, ניט נעהמען פיעל.
און מיט דעם יונגען מאַן וועט דאָס זעלבע זיין"
— מאַקסעלע, וויין ניט; אזוי איז עס איבעראַל,
דאָס איז תמיד דעם פּראָלעטאַריער'ס שיקזאַל.
נאָך אַ קורצע צייט און איך וועל ווערען בעפרייט.
און מאַקסעלע קלאָגט, געבראָכען ער זאָגט:
— אסתר'ל, וועסט זעהן, עס מוז געשעהן,
וועסט ווערען געזונד, צו דיין מאַמען אַ קינד.
אסתר'ל שמייכעלט, אין דער מינוט
עפּעס פיהלט זי זיך אזוי גוט.
„מאַמעניו, מאַמעניו, קום צו דיין קינד!
מאַמעניו, מאַמעניו, פערציי'הע מיינע זינד"
און האָט זיך צוהוסט, געכאַפּט זיך ביים ברוסט.
אין איין מינוט איז עס געשעהן:
אסתר'ל איז טויט געוועזן.
די קראַנקע מאַמע איז ארויפגעפאַלען אויף איהר קינד—

זי שטעהט ניט מעהר אויף:
עס האט געפלאצט איהר אלטע וואונד.
די מאמע האט ניט פערגאסען קיין טרעהר,
ווייל זי אליין לעבט אויך ניט מעהר.

אויף דעלענסי סטריט ציהט זיך די לויה.
פאראויס דער מלאך המות — אט די בייזע חיה.
עס איז א געשריי, א געוויין, א בהלה,
מען פיהרט צוויי קרבנות פון דער פראלעטארישער קללה.
גאט, דער גערעכטער, איז ניט געווען קיין שלעכטער,
ער האט דערפיהלט דער מוטער'ס שטרעבען,
זי זאל די טאכטער ניט איבערלעבען.
אויף דער סעמעטערי פון חסד של אמת איז שטיל,
אבוואהל עס זיינען דא מענשען פיעל;
יעדער איינער האלט דעם אטהעם זיך איין
ווען מען לעגט די צוויי קרבנות אין קבר אריין.
נור אט האט זיך די שטילקייט איבערגעשלאגען,
דער אומגליקליכער חתן הייבט אן צו זאגען:
„ברודער, ברידער! ווען וועט שוין ביי אונז אויך נעהמען טאגען?
אט זעהט, צוויי קרבנות געפאלען פון...
נור איידער ער האט געענדיגט דאס ווארט
איז ער געפאלען טויט אויף דעם ארט.
און א טויזענד־פאכיג פערצווייפעלט געשריי
האט זיך דערהערט קולות אלערליי: א מפלה, א פינסטערע מפלה
אויף די יעניגע, וואס שאפען די פראלעטארישע קללה!

דאָס לעצטע וואָרט

(נביאיש).

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט:
ער האָט געזעהן איהר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזעהן איהר פוילט און פאַלט,
איהר ווערט פון טאָג צו טאָג מעהר אַלט;
און אָבגעלאָזט האָט זיך די האַנט,
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אָן אייך דערמאַהנט,
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מעהר!...
געה, רייס פון זייער האַרץ איין „אוי"!
שיס אויס פון זייער אויג אַ טרעהר!
און שווער זאָל זיין די טרעהר און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אזוי — די ערד זאָל טהון אַ ציטער,
און אָבטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס".

איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געוועזן מיט שטיינער;
נאָר איין געפיהל און איין פערלאַנגען
האָט טיעף געגליהט אין מיינע ביינער;
איך האָב געפיהלט, איהר זענט ביי שלאַנגען...
און מיט אייך, ביי אייך — קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבען אייער וועהטאָג,
איך האָב געמיינט מיין הילף איז נויטיג.

איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ!

איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם,
וואָס קאַרטשעט זיך פון פרעמדען שמאַרץ
און ווערט פערברענט פון יעדענס גיהנם ...
איך האָב געהערט, עס איז איין שווער,
האָב איך געמיינט, איהר פיהלט און ווייסט,
און וואַרגט זיך שטיל מיט אייער טרעהר
און זוכט אַ הילף, אַ בעט, אַ טרייסט,
און טייער זענען די מינוטען...
„איך געה, איך קום — כ'וועל היילען וואונדען,
מיט אייך אינאיינעם וועל איך בלוטען,
און וואו מען דאַרף, וועל איך פערבינדען,
און וואו מען מוז, וועל איך אָבלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער וואונד.
כ'וועל טרייסטען, בעטען, וויינען, וועקען —
איך וועל ניט לאָזען געהן צו גרונד!
איך געה, איך קום — איך טראָג אַ טרייסט,

איך טראָג אַ בשורה פון נחמה;
איך בין געבענשט פון גאָט מיט גייסט —
אייך וועל איך שענקען מיין נשמה ...
איך בין פון גאָט מיט מוטה בעשמירט,
וואָס רייסט־אויס בערג און ווערט ניט מיעד,
און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפע, ווי אַ שאַרפען קלונג, —

אויב איהר זענט שטיין — איז זי אַנ'אייזען,
אויב איהר זענט אייזען — איז זי שטאָהל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר בעווייזען —
און איהר וועט אויפשטעהן מיט אַמאָל!...
איצט שטעה איך אונטער אייער טהיר —

און אָבגענומען איז מיין לשון;
עס הענגט אַ שווערע נאַכט אויף מיר —
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשען,
מיך האָט בעגעגענט שפּאָט און שאַנד.

איהר האָט פיר מיר די טהיר פערמאַכט —
און אַבגעשטויסען איז גאָט'ס האנד,
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט ...

בין איך צו אייך אין שמוץ געקראָכען
און אַלע קליידער איינגעריכט,
כ'האָב מיט די הענד פאַר אייך געבראָכען
און הילף ביי אייך פאַר אייך געזוכט ...
נאָר קיינערקומט צו הילף ניט, קיינער,
און איך בין איינער, איינער, איינער...
מיין תפילה האָט געהערט די וואַנד,
איהר האָט פאַר מיר די טהיר פערמאַכט;
און אַבגעשטויסען איז גאָט'ס האַנד!
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט! ...

נאָר ווייסט איהר אונגליקליכע, ווייסט —
איך האָב ניט מעהר פאַר אייך קיין ט' רייסט...
איך האָב א וואָרט, אַ שרעקליך וואָרט,
וואָס וועט אייך הויבען פון דעם אָרט,
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכען שוואַרץ
און וועט פערסמ'ען אייך דאָס הארץ,
אין מויל פערגיפטען אייך דעם ביסען
און ביטער מאַכען אייך דאָס ברויט,
דאָס לעבען וועט דאָס אייך פער'מיאוס'ען
און וועט עס געבען אייך דעם טויט...
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נחמה!
איך האָב פערברענט שוין מיין נשמה
איך האָב מיין בונד מיט אייך צוריסען.
צובראָכען ליעגט אין דר'ערד מיין מוטה —
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסען
און וועל בעשפייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האט מיר געזאגט אזוי:
דאָס לעצטע מאָל שריי אוים איין „אוי"!

און גיב אַ קרעכץ צום לעצטען מאָל,
אַז ציטערען זאָל בערג און טאָהל;
און נעהם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!

עס געהט אַ טאָג.

איך לאָז ארוים אַ זון פון רעכט
איך וועל די וועלט מיט ליכט בעגיסען —
נאָר איהר אליין וועט בלייבען קנעכט
און וועט קיין טראָפּען ליכט געניסען...
און בלינדערהייד, מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר ארומלויפען פער׳סמ׳ט,
אהין, אהער, פאַר טויזענד מייל,
און בעטען, חלש׳ען אַ שטראַהל !...
נאָר אייך בעגעגענט אַ געלעכטער —
וואוהין איהר קומט, האָט איהר פערזאמט...

איך שליס־אויף אוצרות לעבען, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צוגעבען —
נאָר איהר אליין וועט זיין פערשמאַכט
און אייער קוואַל וועל איך בעטריבען;
און טרוקענע מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אין פרעמדע טהירען קלאַפּען,
מיט׳ן פּנים צו דער ערד צופאַלען
און איבער פרעמדע קוואַלען קניהען,
און דארשטיג אייער האַלז אויסציהען,
און בעטען, חלש׳ען אַ טראָפּען...
נאָר אייך בעגעגענט אַ געלעכטער.
פאַר אייך פערשלאָסען אַלע קוואַלען.
איך שיק אַראָב אַ מילדען גייסט,
וואָס פרישט ווי טהוי פון גאָט און ווייזט
נייעם וועג צו גייע הימלען —
נאָר איהר וועט טרוקען זיין ווי שטרוי.

און ניט אויף אייך וועט פאַלען טהוי.
איהר? איהר וועט אויביג פוילען, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פריה'ר געבליבען
אַ פונק פון גייסט, געפיהל און גלויבען.
אַנ'ערנסטער זיפץ, אַ הייסער טרעהר —
וועל איך דאָס איינציגוויז אָברויבען,
און אייער האַרץ וועט בלייבען לער
אָהן טעם, אָן ריח, אָהן לייב און לעבען.

און וויסט וועט ווערען אייער צעלט,
און אומשלעפען וועט איהר זיך מיעדע,
ווילד־פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף אַ רייכער סעודה.
און שטעהענדיג ביי פרעמדע שוועלען,
וועט איהר די וואונדען זיך אויפדרעקען
און וועט פאר פרעמדע זיי אויסשטעלען,
אַ ציטעריגע האַנד אויסשטעלען,
אַ ציטעריגע האַנד אויסשרעקען
און בעטען הילף אויף בעטלער־לשון —
נאָר אויסבעטלען וועט איהר פאר אַ געלד...
און לעבען וועט איהר פאר אַ גראָשען...

און שווער וועט אייך דאָס לעבען ווערען —
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערען...
און אייער קול וויל גאָט ניט הערען...
און שרעקליך גרוים וועט זיין די נויט,
ווי גרויס און שרעקליך איז די זינד;
און איהר וועט חלש'ען דעם טויט
און בענקען וועט איהר נאָכ'ן לעבען...
נאָר גאָט וועט אייך ניט ביידע געבען...
און שרעקליך וועה וועט זיין דער שמאַרץ...
אפילו אייער אייגען האַרץ

וועט אייער אייגען מויל ניט גלויבען...
איהר וועט זיך פּראָווען הויבען, הויבען —
אַנ'אָטעם טהון — און וועט ניט קאָנען
דאָס איז אַ קבר, נאָר בעגראָבען
זענט איהר דאָרט לעבעדיגערהייד...
דאָס איז אַ פייערדיגער גיהנם,
וואָס וועט קיין ענדע קיינמאָל האָבען —
נאָר ס'איז אַ גיהנם אָהן אַ טויט...
און גאָט זאָגט מיר:

איצט געה אַראָב

צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טהו אוועקוואַרף און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערען:
אזוי וועט איהר צובראָכען ווערען!
און רייד ניט מעהר, נים וויין, ניט שריי,
בויג־אָן דעם קאָפּ און ווער פערשטומט —
עס געהט דער טאָג, ער קומט, ער קומט...

אברהם וויעזוויארקא.

חייקעל שיכור.

(אַ מאָנאָלאָג)

...חעיהע, גוטער ברודער, ביזט זיך גאַר טועה. אזוי זאָל איך לעבען! ווילסט פערגלייכען אַ גלעזעל בראַנפען צו קאַרטען־שפּיעלען? אַ טעות, בנאמנות!

שוטה! קאַרטען שפּיעלען, זעהסטו, איז באמת נאַר בעשאַפען געוואָרען פאַר אַ נאַר: לייגסט אריין „קלינגערס", טויטע מטבעות, אין קאָהן אריין. קריגסטו גוטע קאַרטען — געווינסטו אַ פּאַר מטבעות, קריגסטו שלעכטע — פערשפּיעלסטו אַ פּאַר טויטע מטבעות, פּע! — דאָס איז דאָך קינדער־שפּיעל... אַ גלעזעל בראַנפען זעהסטו, איז שוין גאַר אַן אַנדערע מעשה... דו קענסט עס נישט פערשטעהן, הלמאי דער בעל־עגלה, למשל, קען נישט פערשטעהן דיין פערגעניגען ווען דו זינגסט דעם „קאַזעניצער ניגון"!... נאַר גלויב מיר, גרויס איז דאָס פערגעניגען פון אַן אמת גלעזעל משקה! און טאָמער מיינסטו, אַז דער תענוג איז דאָס, וואָס דער מאָגען איז צופריעדען — האָסטו אַ טעות...

דו האָסט דאָך מיך י ע צ ט נישט אין וואָס חושד צו זיין— כ'האָב נאָך היינט נישט געטרונקען — נאָר כ'זאָג דיר, אַז טרינקען איז די העכסטע מדרגה, צו וועלכער אַ נ'אַ מ ת'ע ר מ ע נ ש קאָן דערגרייכען.

געהסט אמאָל אין דער גאַס און זעהסט ליגען אַ שיכור אין דער בלאָטע קלעהרסטו: ווי טיעף געפאַלען איז דער מענש!... ביזט זיך, אבער טועה: דער מענש איז נישט געפאַלען, ער איז נישט קיין יורד, ער איז איינער פון די געצעהלטע, וואָס האָבען די זכיה געהאַט צו פיהלען דאָס ריין־זיסע פון לעבען אָהן שום ביטער פערבראָקעכטץ....

ווי אַזוי לעבט דען אַ ניכטערער מענש פון אונזער סאָרט? בענקט צו אַלץ און דערגרייכט ג אָ ר נ י ש ט; וויל ער אַמאָל אַ פּויסט מאַכען, פיהלט ער, אָבער, אַז ער איז אַ וואָורם: נעמט ער אַמאָל צו די הימלען קוקען, פיהלט ער, אַז ער איז צו דער ערד גע־בונדען... וויל ער אַמאָל אַ שעהנעם חלום חלומ'ען, רייסט איהם דער בעקער, דער שוסטער איבער...

טרינק איך זיך, אָבער, אָן, מיט אַ פּאָר גלעזלעך פינף און ניינציגער, פּאַלען פּלוצלינג פון מיר די שווערע קייטען אַראָב, מיר ווערט מיט אַמאָל די ערד פון אונטער די פיס פערשוואונדען. די לבנה קושט זיך מיט מיר.. און די גאַנצע וועלט איז אין מ י י ן רשות ווי אַ בייגעל... אָט, חאַפּ איך זיך אַרויף צו די וואָלקענס, שפּרינג אַריבער די גרענעץ, און בין אין גאָט'ס וואָהנונג — אין די הימלען... אָט, שפּיעל איך זיך מיט די שטערען... אַמאָל, שפּאַלט איך דעם ים... און חלומות שפּראָצען אין קאָפּ און וואַקסען און פליהען ווי די פייגעל. דאַמאָלס ווייס איך ערשט, וואָס א י ך בין!... איך בין זיכער, אַז מיט איין פויסט מיינעם צורייב איך דאַמאָלס פעלזען, צומאַהל בערגער און מאַך פון אַלץ אַ תהו ובוהו... איך בין אימשטאַנד מחריב צו זיין וועלטען און אויפצובויען וועלטען, איך סוד'ה זיך מיט די ווינטען און כ'פערשטעה דאָס לשון פון די בוי־מער און בלומען... און גייה איך צו די בערגער, האָב איך קפיצת הדרך, און זיי, די גרויסע בערגער, בוקען זיך פאַר מיר און נעהמען מיך אויף זייערע שפּיצען אַרויף... און אַפּטמאָל, גיט דער רבונו של עולם אַליין, נישט קיין קליינעם ציטער — ער פיהלט מיין כח: ער ווייס, אַז איך בין נישט ב ע ר י ל ש מ ש, מיט מיר וועט ער זיינע קונצשטיק נישט מאַכען!...

ווילסטו דאָך אודאי פערשטעהן דאָס עניין, טאָ, זייַ־זשע מוחל, זעץ זיך אַנידער און לעג צו דאָס גאַנצע ביסעל מח, וואָס געפינט זיך אין דיין קעפּעל...

די מקובלים זאָגען, אַז דער מענש איז אַן עולם קטן, אין'ם מענש געפינט זיך אַ קליין וועלטעלע. און איך זאָג דיר, אַז אָט אין דאָס קליינע בריאה'לע מענש, זיינען פאַראַהן מיליאַנען, מיליאָנען גרויסע וועלטען... יתר על כן, נאָך מעהר, דער מענש איז אימשטאַנד

צו זיין אַ ג אַ ט איבער די אַלע וועלטען: שטעל זיך פאָר עפּעס אַ קליינינגקייט דאָס, וואָס דער מענש האָט אַ לב חומר, אַ האַרץ וואָס גלוסט ?... צי פערשטעהסטו די בעדייטונג פון׳ם וואָרט גלוס־טען ? ! מיט אַן אמת גלוסטען איז דער מענש אימשטאַנד זיך הימ־לען צו בעשאַפען, אַזעלכע הימלען — עין לא ראתה !...

און היינט ערשט דער חוש השמיעה ! ווען דער מענש זאָל אַלץ הערען, וואָס ער איז אימשטאַנד צו הערען, וואָלט ער דערהערט דאָס טיעפע זיפצען דאָס שטילע געזאַנג פון דער וועלטס נשמה... וואָס ווייסטו דען, וואָס פאַר אַ קולות, טענער, ניגונים און מעלאָ־דיען יעדעס גרעזעל, יעדעס צווייגעל גיט אַרויס פון זיך ! אפילו דעם קנאַל פון׳ם דונער הערט איהר אויך נישט ריכטיג, ואין צריך לומר, די שטילע נשמה־ניגונים פון די טייכלעך. הערסטו דאָך אודאי און אודאי נישט !...

יעצט, וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען די אויגען פון׳ם מענש ! אַ מענש קאָן אַזוי פיעל זעהן. אַזוי פיעל זעהן... זעהסטו דען ריכ־טיג, ווי דער בליטץ קוקט אויס ? !... ווען אַ מענש וואָלט זעהן וואָס ער איז אימשטאַנד צו זעהן, וואָלט ער אַמאָל געקענט געפינען דעם גרויסען סוד, דעם תכלית פון דער בריאה, אפילו אין די אויגען פון אַן אשת־איש... אפילו וויינען, וויינסטו דאָך נישט ווי מ׳דאַרף: דו וויינסט דאָך נאָר ווען ס׳טהוט דיר וועה, ווען עמיץ קנייפּט דיך ! צי ביסטו אָבער מסוגל צו וויינען פון אמת׳ע מתיקות... אַז דיין האַרץ זאָל ווערען אַ מעין אין־סוף, אַן אונענדליכער קוואַל ?...

ווען אַ מענש זאָל הערען, פיהלען, זעהן און גלוסטען דאָס, וואָס ער איז אימשטאַנד, וואָלט ער געקומען צו דער מדרגה פון אלהות !...

וויל דאָך, אָבער, דער רבונו של עולם זיין אַ שליט בעולמו, אַ רן יחידי — גיט ער אַ געשריי: לא תחמוד, מ׳טאָר נישט גלוס־טען !... און הערען מוז מען איהם — ער איז אַ גבור ונורא !...

צום חוש השמיעה פון׳ם מענש האָט ער אויך אַנ׳עצה געפונען: ער האָט איהם מיט באַנען מזכה געווען, מיט פערד און וועגען, וועל־כע פערטויבען איהם די אויערען מיט זייערע שטענדיגע רויהע קולות... און פאַר די אויגען האָט ער איהם פיעל זומפען, בלאָטעס

און מקוה'ס בעשאַפֿען... און צו דאָס אַלץ האָט ער איהם מזכה געווען מיט תרי"ג מצות און תרפ"ט סיגים, און אָנגעזאָגט דערצו: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם — קוק נישט ווי די כהנים דוכנ'ען!...

און אַזוי אַרום ביסטו עג'עבד געבליבען, גאַרנישט געהער דיר: נישט די אויגען, נישט די אויערען, פּונ'ם האַרץ איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדען!...

„ער", זכרונו לברכה, האָט עס אפילו געפֿיהלט און האָט דאַדורך שטענדיג געזאָגט: אַ איד טאָר נישט זיין קיין עבד צו'ם רבונו של עולם, נאָר אַ חבר, אַ ידיד, און דאָס דבקות דאַרף זיין בחינת אהבה טהורה, נאָר ער האָט נישט מרגיש געווען ווי דאָס אַליין איז דאָס גרעסטע עבדות, אַז מ'מוז זיין אַ ידיד, אַ אוהב...

דער זוהן, יצחק'ל, איז שוין גרעסער געווען און האָט געוואָלט דערגרייכען די מדרגה פֿון אלהות דורך מיעפֿערע וועגען, האָט מען איהם אבער פֿון אויבען געוויזען, אַז דער כסא הכבוד וועט קיינמאָל נישט שטעהן אויף דר'ערד, און מרמז געווען האָט מען מיר פֿון אויבען, אַז איך בין אַ בשר ודם און מוז זינקען אין עבדות כל ימי חיי, זיין געבונדען ווי אַ הונד צו דער קייט און פֿון מיין נאַרע נישט אַרויס... האָט „ער" אבער אַ טעות געהאַט — איין גרויסע זאַך געפֿינט זיך אויף דער וועלט, אַטאָ טאַקי אַ גלעזעל משקה מיין איך...

דו ביסט דאָך אַ טפש, און דערצו נאָך אַנ'עבד, קלעהרסט דו, אַז שכרות איז אַ ירידה. איך זאָג דיר אבער, אַז נישט נאָר עג'עליה איז שכרות, נאָר דאָס איז דער א י י נ צ י ג ע ר וועג, דורך וועלכען אַ מענש קען דערגעהן דעם תכלי! פֿון דער וועלט...

אַז איך טרינק אַ פּאָר גלעזלעך משקה, פֿיהל איך, אַז כ'בין או'אמת'ער בן־חורין, די אויגען מיינע ווערען מיר אָפֿען און איך זעה מסוף העולם ועד סופו... איך דערהער יעדען קול נגינה, דק מן הדק, פֿון קלענסטען גרעזעל. די מחשבות הויבען אָן שוועבען אין די לופֿטען, און דאָס האַרץ הויבט אָן א מ ת' ד י ג גלוסטען. ס'גלוסט צו עפּעס אַזעלכעס, וועלכעס איך קען דיר יעצט, ניכטער־הייט, ניט איבערגעבען... ס'גלוסט צו חדש העולם, צו מעשי בראשית, צו מאַכען צוריק פֿון דער גאַנצער וועלט אַ תהו ובהו

ווילדע בערגער און וויסטע חורבות... און איבער די חורבות זאָל א געלעכטער שאַלען פון אמת'ער גבורה, פון די אמת'ע גרויסע תאוות!...

און איך געדענק א מעשה שהיה, באַלד ווי כ'האָב זיך נאָר אריינגעלאָזט אין שכרות, און אין קאָפּ האָט זיך מיר נאָך געפלע־טשעט דאָס ענין פון תחית־המתים, ווענען וואָס כ'האָב שטענדיג אזוי געגריבעלט אין די קבלה־ספרים, געדענק איך, איינמאָל, ווען כ'האָב זיך טאַקע געהאַט גוט אנגעטרונקען, האָב איך די גאַנצע וועלט חרוב געמאַכט און טאַקי באַלד צוריק מחיה־מתים געווען!... איך האָב דאַמאָלס געזעהן די סודות פון דער וועלט — די סתרי בריאה, ווי כ'פלעג עס אמאָל אנרופען...

...דו דערצעהלסט מיר א מעשה, אז ס'האָט זיך מיר נאָר אזוי אויסגעוויזען אין שכרות — חכם ס'איז גענוג! ס'איז דאָס זעלבע ווי דער צדוק־הדור וואָס זעהט אליהו הנביא אין חלום — פאַרוואָס זעהט איהם ניט חיים'ל בעל עגלה, שמואל שניידער?...

ס'איז א חלום. דער חלום איז אָבער, דער תמצית, דאָס טיעפעניש פון דער נשמה, פון לעבען...

דער חלוק איז נאָר, אז ווען דו חלומס'ט, קומט דיין וויב און וועקט דיך אויף, איז אויס חלום, ווייל בעצם ליגסטו טאַקי אין בעט, און לענגט נאָר דיין וויב אָדער קינד, אויף דיר, די האַנד אַרויף, ווערסטו, אפּטמאָל, געשליידערט פון די וואָלקענס ביז'ן שאול תחתיה... און אין שכרות וועט דיר קיינער נישט קענען איבערייסען דיין חלום, דו איינגאַנצען ביזט דאַמאָלס א חלום, דו ביזט די נשמה פון חלום...

און ווייסט וואָס נאָך, די גרויסע שאלה וואָס ענגבערט אזוי אויס דאָס הארץ און לעבעהט דעם מח ווערט דיר פּלוצלונג פערענטפערט... דו פיהלסט דאַמאָלס דיין גאַנצען ווערטה... דו פיהלסט דעם אָטהעם פון דער וועלט... ס'איבעריגע דערצעה־לען דיר שוין די וואָלקענס...

קאָן זיין נאָך א העכערע מדרגה?...

אמת, נישט אַלע קומען צו דער מדרגה, דאָס ווענדט זיך שוין, ווי גרויס די נשמה פונ'ם מענש איז. אַט, למשל, קען איך אזעל־

כע וואָס אין שכרות פיהלען זיי זייער גאַנץ נידריגקייט. אַ סך שרעקען זיך גאָר און וויינען... נאָר דאָס זענען שוין פּראָסטאַקעס...

איין כלל וועל איך דיר איבערגעבען: דער וואָס איז ניכטערען אינגאַנצען צופרידען מיט זיך, פיהלט אין שכרות זיין גאַנץ קליינקייט. דער וואָס פיהלט ניכטערן זיין קליינקייט, האָט חלומות וועלכע מ'רייסט איהם איבער, פאַר דעם איז דאָס שכרות די העכסטע מדרגה, ער ווערט נתעלה, כמעט, צו געטליכקייט...

הער נאָר, האָסט פּילייכט דרייסיג קאָפּיקעס, כ'האָב נאָך היינט גאָרנישט געטרונקען...

צווישען ערשטען און צווייטען פלעשעל.

העע, קעלנער! וואָס לויפסטו?... זעץ זיך נאָר נעבען מיר! וואָס איילסטו אַזוי?... הער, כ'וועל דיר דערצעהלען מעשיות, שעהנע מעשיות... ביזט אַ בהמה, הערסט, אַ בהמה!... דו פערשטעהסט גאָרנישט... דו זעהסט יעצט מיינע פליגלען? זאָג, זעהסט ציגישט?... וואָס שווייגסטו?!... כ'נעם דעם רעגענבויגען און שמיים אַז ס'ווערט באַלד פון דיר אַ באַרג אַש, אַ גל של עצמות!...

אַי־אַי, זעהסט ווי דער סופית רוקט זיך אָב?... זעהסט ווי פון הימעל ווערט אַ סוטיפ איבער מיר?... דו זעהסט גישט — ביזט אַ בהמה, אַ גראָבער חומר, אַ נשמה פון אַ פערדאַרטען דראַנג...

אַ, אליהו הנביא קומט אריין דורכ'ן סופית!... ווער דאַרף איהם? ער מיינט ער איז אַ יחסן... אַרויס!...

העע־העע, ער איז אַנטלאָפען ווי אָבגעבריהט!... ה'אָס דען, כ'וועל מאַכען מיט איהם קונצען?... ער מיינט, ער קומט, דראַטען, צום „קאָזעניצער". וואו ער איז אַ גאַנצער יחסן!...

... הער נאָר, דו ווייסט וואָס טייטש איז ב ר אַ ש י ת

ב ר א א ל ה י ם ?... וואָס קוקסטו מיך אָן, בהמה !...

די היינטיגע מקשה איז אויסגעצייכענט, אַן אמת'ע מחיה !...

וויפיעל טרינקסטו איבער'ן טאָג ? גאָרנישט ? !... כ'האָב געמיינט דו באַדסט זיך אין בראַנפען... דו ביזט, הייסט עס, געגליכען צו אַ... אַ... נו, דו פערשטעהסט דאָך, שוין וואָס כ'מיין ! ניין ? ביזטו דאָך טאַקי אַ בהמה !... שוטה, כ'מיין, דו ביזט הייסט עס, געגליכען צו אַ שעפּס, וואָס טראָגט אויף זיך די הערנער און ווייסט נישט דעם ווערטה פון שופר...

דו ווייסט, אַז פון אַנ'אמת'ע תקיעה ציטערט דער שטן, ווי דער באַרג פון מיין געשריי....

כ'האָב אַמאָל גוט געבלאָזען... אמת געבלאָזען... ס'איז דאַמאָלס געוואָרען אַן גערודער אין הימעל... דער ש ט ן האָט געוויינט און ג אָ ט כביכול, האָט געלאַכט... מיך האָט דאָס פערדראָסען: פאַרוואָס ? פאַרוואָס קומט עס דעם שטן ? אמת'דיג זאָג אליין, פאַרוואָס קומט עס איהם ?... אדרבה, ער געפעלט מיר גאַנץ גוט ! האָב איך דאַמאָלס, פלוצלונג, דאָס ליכט אויסגעלאָשען ! הערסט, אים ראש השנה דאָס ליכט אויסגעלאָשען !... איך האָב קיין מורא נישט, איך וועל מיר שוין מיין שטעדטעל ביישטעהן... וואָס ווייסטו פאַר אַ רעש ס'איז דאַמאָלס געוואָרען אין הימעל ! דער שטן האָט מיך, פשוט, געקושט !... אין שטאָדט האָט מען געזאָגט, אַז כ'בין משוגע געוואָרען — מילא, זאָל זיין אַזוי !...

...וואָס לויפסטו, האָסט קיין צייט נישט ?... גיב אהער נאָך אַ פלעשעל משקה... גוטע !... כ'וועל, אַ ביסעל צו די בערג ארויס־געהן, כ'ברויך צו רעדען מיט „איהם" אליין עטליכע ווערטער... כ'וועל איהם וואַוויזען...

דרך־ארץ, שייגעץ !...\
די־דאַ־דאַ־דאַ, טרעללאַ־לאַ לעלל־אַ...\
אַ־אַ... אַ מחיה, די משקה איז אויסגעצייכענט...\
באַם־באַם־באַם־באַם טרעלל־לעל־לאַ...\
היידאַ ! מ'וועט זעהן וואָס „ער" וועט זאָגען...

אין סאַמע ברען פון שכירות. אויפ׳ן שפּיץ באַרג.

...פּ ש ש ... ווי גרויס די וועלט איז... און די הימלען! דער באַרג איז פּונקט צוגעפּאַסט צו זיין מיינס א פּיסען־בענקעלע... און דאָס אַלץ האָט טאַקי „ער" בעשאַפען.. אַלץ איז אין זיין רשות און אין מיינעם גאָרנישט? — ע, א טעות... איך זאָג א טעות! !...

און, באמת, וואָלט איך דען נישט געווען א גוטער מנהיג?...

— הער נאַר! — ד י ך מיין איך טאַקי... דיך אליין, בכבודך ובעצהך! זאָג מיר דעם סוד פון דיין גבורה, פון דיין קראַפט... איך וויל וויסען!... מעהר נישט, וויסען וויל איך נאַר... איך וויל ווי־סען!... איינמאָל פאר אלע מאָל שפּאַר איך זיך יעצט איין... איך מוז וויסען דעם סוד ווי אזוי דו ביזט א גבור ונורא... נאַר דאָס וויל איך וויסען!... די איינציגע זאַך וואָס דו ביזט באמת... און א י ך זאָג דיר אז יעצט איז פערפאַלען, דו מ ו ז ט מיר זאָגען!... ד ו מ ו ז ט ! איך צורייב דעם באַרג אויף עפר ואפר און שיט איהם אין הימעל אריין! מיינסט, וועסט מיט מיר מאַכען דאָס וואָס דו האָסט געמאַכט מיט׳ן דור הפלגה? מיט׳ן סנזי־נחור? מיט יחזקלען?... היה לא תהיה! איך בין ח י י ק ע ל ש י כ ו ר.. ח י י ק ע ל ש י כ ו ר, ווי כ׳בין א יוד! און זאָג דיר: היה לא תהיה!...

אהאַ, ביזט אין כעס דער הימעל רויטעלט זיך אין מערב־זייט, מלא כעס וחמה...

איך האָב נישט קיין מורא!

איך בין ח י י ק ע ל ש י כ ו ר ! !...

וויסען וויל איך! אז נישט מאַך איך חרוב די גאַנצע וועלט מיט ד י ר צ ו ז א מ ע ן !... און זאָל איך אליין אויך מיטפאַלען!... ווי שמשון הגבור בשעתו...

איך בין אויך א גאָט! ווילסט נישט מודה זיין? — ס׳זענען פאַרהאַן א סך וואָס זיינען דיר אויך נישט מודה....

אַלץ מוז איך וויסען, אַלץ! פאַרוואָס איז די בית פון בראשית גרויס הא, פאַרוואָס?...

און די ע ש ר ה ה ר ו ג י מ ל כ ו ת נאָך וואָס האָסטו בעשאַפען, הא... כדי צו ווייזען דיין כח?...

צוליעב גאוות...

חייקעל ש י כ ו ר יקאָן דאָס נישט ליידען:

און דעם עץ החיים נאָך וואָס האָסטו בעשאַפען? צו בעהאַלטען איהם אין דייז גן־עדן?!...

א י ך וויל אָן עפּעל פון איהם!... הערסט, איך, ח י י ק ע ל ש י כ ו ר וויל אָן עפּעל פון עץ החיים!...

דו לאַכסט נאַר... יושב בשמים ישחק... ברענג מיך נישט אין כעס אריין!...

איך ווער מלא כעס וחמה!... איך הויב אָן שפּייען מיט פייער!!...

— — איך גיב איין שפּרונג פון דאַנען ביז בערדיטשעוו און גלייך איבער'ן ים המלח!...

איך וויל אָנ'ענטפער!... — — — יאָ, צי ניין?!...

אַז ווישט וועל איך מיר אליין הימלען בעשאַפען — — — און מיר וועלען זעהן!...

וואָס, ניין?... איין שפּרונג גיב איך נאַר!...

וואָס, איך האָב מ ו ר א?!...

איך?!?!

האָפּ!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — דער שאול תחיתה?...

„ער" האָט מנצח געווען — — —

ברררררר, מיינע ביינער — — —

אברהם ויעוויארקא.

דאָס מעדעל.

פאָלקס־מאָטיוו

(געווידמעט ז. שניאור)

ס'איז געווען אַ מעדעל
מיט אויגען — פייער שוואַרץ,
ברוסטען — צוויי וואולקאַנען,
פול מיט היץ אַ האַרץ...

אַ פולע האַנד מתנות
האָט גאָט בעשענקט דאָס מעדעל,
אויסער זאַכען צוויי פערפעהלט:
ברויט אַ שטיקעל און אַ קליידעל...

און עס צוקט דאָס הערצעל:
דער הונגער נאַגט און נאַגט,
און די קניע זי ציטערט:
עס יאַגט דער פראָסט און פּלאַגט...

— — — — — — — — — — — — —

געהאָלפען ווערט דאָס מעדעל,
דען גאָט איז האַרציג, ווייך,
און ער זאָגט צום מעדעל:
„זעה, איך מאַך דיך רייך!...

„כ'האָב דיר אַ האַרץ געשענקט,
„און אויגען פול מיט פייער,
„געה אין גאַס, אַ, געה און רוף:
„האַרץ, קויפט פאַר אַ דרייער!

„אויגען פאַר אַ גראָשען
„פאַר אַ קאָפּיקע ברוסט!...
„געה, דיר וועט עס גליקען
„ווייל מענשען האָבען לוסט"...

עס רופט אין גאַס דאַס מעדעל:
„קויפט סחורה, גאָר אַ פראַכט
פון דער בעסטער פירמע:
פון גאָט אליין געמאַכט!"...

און עס קויפען מענשען,
מענשען זענען גוטע,
און נאָך, צו קויפען סחורה
טייערע, פאַר אַ פרוטה...)

צוברעקעלט איז דאַס האַרץ,
די ברעקלעך מענען קויפען:
אַ פסוק שעפּטשען פרומע,
שפייען אוים — אנטלויפען...

דאַמאַלט, פון יסורים
גיט אַ זיפץ דאַס מעדעל,
און די לופט, זי ענטפערט:
„אַלץ איבער אַ קליידעל"...

— — — — — — — — — — — — —

געשטאָרבען איז דאַס מעדעל
אין אַ שטאַל פון פערד,

און אומזיסט בעקומען —
פּיער איילען ערד...

שאַ — שטיל, אַהן קדיש ווערט
גאָט'ס סחורה דאָרט בעגראָבען,
(זאָרגט ניט, מענשען, זיפצט ניט —
אַנדערע וועט איהר האָבען !...)

— — — — — — — — — — —

ווען די לעצטע שויפעל, אויפ'ן קבר,
האָט צוגעדעקט דאָס מעדעל,
האָט ערגיץ וואו די לופט געברומט:
„אַלץ איבער אַ קליידעל !..."

— — — — — — — — — — —

ס'איז געווען אַ מעדעל
מיט אויגען — פּייער שוואַרץ,
ברוסטען — צוויי וואולקאַנען,
פול מיט היץ אַ האַרץ...

בר-מזל.

אַ מאָנאָלאָג

איז ניט מיין נאָמען יענקיל
אויב עמיץ אויף מיין אָרט
וואָלט וואוינען אין מיין דירה
אַ טאָג אפילו דאָרט! —
אי קאַלט, אי נאַס, אי רויכיג,
אַ קלאַפּטער אין דער ערד;
די ווענד פערשימעלט, גרינע,
די סטעליע טהוט איין טרעהרט...
היינט לעבעדיגע צרות
פון ווערעם, שצורעס, מייז,
און וואַנצען אַ קהילה,
זיי קריכען פּאָלקענווייז...
און יעדער האָט אַ מיילכעל,
און זיצט זיך אויף מיין האַלדז,
דער פּטרט מיר אַ חלה,
דער — דאָס ברעקעל שמאַלץ;
דער זויגט מיר אויס די בלוטען,
איך רייס פון זיך די לייב;
די עופה'לעך צו ראַצטע,
פאַר צרות קראַנק די ווייב! —

און באַשר אַ פערדרעהטער
איז מען טאָג און נאַכט.
ניטאָ קיין צייט אפילו

פון זיך צו טהאָן אַ טראַכט,
אַ גרינגער ביסען האנדלען,
מיט אַלטוואַרג נאָר קוראַנט!
פיעל בלאַטעס, בעט איך, פרעגט זשע,
פאר'ן טאָג האָב איך געשפּאַנט?
פון אַכטע שעה פריהמאָרגענס
ביז שפּעט אַ שטיק אין נאַכט,
— אַ טיש, אַ לאַמפּ, אַ סמאַטע...
דריי גילדען קוים געמאַכט! —
מען פאַלט אַריין אין שטיבעל
ניט לעבעדיג, ניט טויט:
— צי קלערען פון אַ דירה! —
— צי קלערען — עסען ברויט?!! —

דעם בעל־הבית, אַ פּנים,
— וואָס געהט איהם אָן דאָס אַלץ?
געשעפטען האָט ער קליינע
מיט מיינע חלות שמאַלץ!...
מיט מיינע „האַלאַפּוכעס“,
מיט מיין פערקרימטער ווייב,
— בעצאָהלט? — איז גוט!... ניטאָ?
— טאָ געה נדבות קלייב! — — —
...נאָך ווייניג האָב איך טומעל
פון דיר דאָ אויפ'ן הויף?
די שכנים, פרעג זיי אַלע,
וואָס זאָגען זיי דערויף? —
פאַראיינס געשרעה, געפילדער,
דער וויינט, דער שרייט, דער לאַכט:
אַ קלייניגקייט אזוינע
טייוואַלאַניש קליינע אַכט...
פון „פּאַמפּאַסט“ מיר די שטיינער
ווער מיינסטו, רייסט זיי אויס?

וועד פּטרט מיר די רינע,
ווער מאַכט אַ תּל פון הויז? —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
איך שטעה, איך האָרך, איך טראַכט זיך,
וואָס מיינט ער דאָ, וואָס שרייט ער?
— אַ רובעל אַ הוספה
און בלייב זיך וואווינען ווייטער! — — —

י. ל. פּרץ.

די צווייַ ברידער.

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף היהנערנע פיסליך אַ הייזעל אין טאָהל.
געשטאַנען זיך פּראַסטע, אָהן עזות, אָהן שטאָלץ,
אָהן פּוצעכץ, אָהן צירונג — פון ליים און האָלץ!
אַ פענסטער אַ קליינטשיקעס, נור חנו׳דיג האָלד:
די זון זי בעשיטט עס טאָג־טעגליך מיט גאָלד!
לבנה און שטערן
פערהאַלטען זיך גערען
און מאָלט מיט זילבער די שויבען!

דאָס האָט דער הימעל די ליעבע בעלוינט!
עס האָבען אין הייזעל צוויי ברידער געוואָהנט!
עס האַלטען צוויי הערצער צוזאַממען געטריי,
שווער איז די אַרבייט, נור ס׳אַרבייט זיך פריי!
ווייס איז דאָס מעבעל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נור אַלץ איז בשותפות — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איהר לאַנגען, איהר כשר׳ען פאַדעם!

נור איינמאָל בעוויזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועלל,
פולל גינגאָלד, שמאַראַגדען, עס פונקעלט זיין פעלל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעהט זי און טראַכט;
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות פערהאַנ׳ן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אַרימער מאַנן.

ד'פּערקויף איהן, וואָס ניט?
ד'וואָלט אויפ'ן יריד
געקויפט מיר צו מעלקען אַ קוה!

די שלאַנגען — זיי ווייסען וואָס ס'טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט איהם און רופט איהן אַוועק אין אַ זייט,
און זאָגט איהם: איי, ברודער, וואָלסט דו נור געוואָלט,
וואָלסט דו געהאַט שוין פולל פאַססער מיט גאָלד,
קרעללען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען אַ וועלט,
און אַלץ, וואָס מען קאָנן נור בעקוממען פאַר געלד!
איך מאַך נישט קיין שפּאַס,
איך ווייס שוין דען סוד,
איך קאָנן דיר איהם זאָגען אין וואַלד!

די שלאַנג איז אַוועק און דער יונגערער קלערט:
ווי גאַטט האָט זיך יעדעם זיין שעהנקייט בעשעערט;
געה פרעג'ן: דער גלאַנץ און די שעהנקייט וואָס טויג?
ביי'ם עלטערן פלאַמט שוין די תאוה אין אויג:
קרעללען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען — אַח, גאָטט!
זי זאָלל נור נישט נאַרען און זאָגען דען סוד!
ער קוקט אויפ'ן וואַלד,
און גנב'ט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זונן געהט שוין אונטער, פערגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקען אין הימעל; און אונטער אַ בוים
זיצען שוין ביידע, — דער מענש און די שלאַנג;
זיי זיצען צוזאַממען און שמיעסען שוין לאַנג.
ער ציטטערט און ווייסט נישט — פאַר פרייד צו פאַר שרעק?
זי וויקקעלט דאָס האַרץ איהם אַרום מיט'ן עק,
און רעדט פון דיאַמאַנטען,
קרעללען, בריליאַנטען,
„אַלץ וועסט דו האָבען גאַר גרינג!"...

„בעטראַכט נור דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלעלן, בריליאַנטען, דיאַמאַנטען און גליק!
עס טראַפט זיך, ער אַרבייט, און וואונדערליך הייס
ווערט איהם, דער שטערן בעדעקט זיך מיט שוויס
עס טריעפען די טראָפען!... ער ווישט מיט דער האַנד:
לאָז נישט! דער טראָפען דאָס איז דיאַמאַנט!
נור אַרבייטען הייס!
קלויב אויף דען שוויס!
שיטסט דו אַן פאַססער דיאַמאַנטען!“

„עס טראַפט אונ איהם פאַלט פון די ברעמען אַ טרער:
דו, שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַססער נישט, מעהר.
און טרייסט׳ען; און האַלוט׳ען, דו האַלסט עס נישט אויס,
און קושסט איהם די טרערען פון ד׳אויגען אַרויס!
פערשווענדסט דיין פערמעגען, דו נאַרישער קאָפּף,
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלויב יעדען טראָפּף!
אַ טראָפּף, האָב פערשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט
רייך ווערסט דו זיין ווי אַ קעניג!“

„דערנאָך — האָט דיין ברודער איין עדעלע פעלל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל — דו האָסט שוין אַ קרעלל!
בלוט — זאָגסט דו — איז עס, בלוט — זאָגסט דו — אַ קאָפּף,
דו נאַרר! עס איז קרעללען, דו צאַפּ נור און צאַפּ!
זאָלל ער נור בלוטען און בלוטען נישט קאַרג!
אַנשיטען ווערסט דו שוין קרעללען אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביסט ש ט אַ ר ק ע ר און ו ו י י ס ט שוין דען סוד!“

די ליפּפּען פערביססען, די פויסטען געבאַלט,
געהט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד,

די אויגען, זיי ברענגען און זיימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּפּעלט די ליעבע צום ברודער אין האַרץ,
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נור מאַכען אַ פּריף,
אַ שטאָך וועל איך געבען, אַ קליינען, נישט טיעף:

מיין ברודער? איך ווייס!
נור טרערען און שווייס
האָרסט דו דאָך, זענען בריליאַנטען!

עס הערט די לבנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס׳האַט אינ׳עם שטיבעל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקען די שטערן אין פענסטער אריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביי׳ם ברודערס געוויין?!
די זונן האַט צו מאָרגענס געוואונדערט זיך שטאַרק,
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטען אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דער וואַלד און דער טייך:
וואָס איז עס אין שטיבעל געשעהן?

און עס איז געקוממען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פערשוואונדען, עס וועכט זיי דער שלאָף
אוועק איז די ליעבע, דער פריעדען אוועק! —
דער שלאָפט נישט פאַר ווייטאָג, דער צווייטער פאַר שרעק.
דער שרייט: ס׳איז מיין עשירות, מיין רייכטהום, מיין גוט!
און יענער: ס׳איז טרערען, מיין שוויים און מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זייט ים!
רייסט מען זיך שוין ביי די האָהר!

י. ל. פּרץ.

יוכבד.

איך שטעה ביי דיין וויעגעל,
איך שטעה און איך קלער...
אויף דיין בלאַס פּנים
קאַפּיט מיין טרער,

מיין ביטטערע טרער...
קינד מיינס, דו נייגסט
צו מיר דיין קעפּיל;
דיר חלומ'ט — דו זייגסט...

נור זאָג מיר, מיין קינד,
וואַס זייגסטו ביי מיר;
וואַס שטעקט אין דער מילך,
וואַס האַסטו דו פון איהר?

*   *

זייגסט דו מיט'ען גיפט,
וואַס אין דער מיללעך פליעסט?
זייגסט דו מיט'ען סם?
צו דיין מאַמע גיעסט

נור מילך פון דער ברוסט,
צי פיאַלון פון דער קוואַלל?
צוגעהט אין דיינע ליפּעלעך
דאַס ביטערקייט, די גאַלל?

איבער דיין וויגעלע
שטעה איך איינגעבויגען;
שטראַהלען שוואַרצע, פינסטערע
שיטען מיינע אויגען

ראַזיג דינען דיין הייטעלע —
זיי דרינגען דורך די הויט...
קינד, זאָג, וואָס וועט זיין פון דיר...
איך שרעק מיך, אַח, מיך גרווילט...

וואָס שלאָפט דאָרט אין דיין מויח'עלע?
ווייסט דו ווער דו ביסט?
ביי דער אַרבייט שטעהן מיר...
דרעהסט אוועק פון בריסט

דיין קעפּיל צו דיין טאַטען דאָרט,
וואָס שטעהט אונטער דער רוט
נאַקעט, פון דער זון פערברענט,
בעפלעקט פון אייגען בלוט...

איבער זיינע אַקסעל פּייפּט,
שווישטשיעט ווי אַ שלאַנג...
און די פרענגרם פון דער בייטש
שטעהען לאַנג, אַ, לאַנג!

דרעהסט אוועק דען קאָפּף פאַר שרעק,
צוריק שוין ביי דער ברוסט...
זייגסט דו אויס פון איהר דען סם?
ווייסט דו ווער דו ביסט?

און אַז פרע'הם טאַכטער גלעט,
לאַכסט דו מן הסתם!

פרע'הס טאָכטער איז דיין מאַמע
און איך בין דיין אַם?

איך זייג דיך מיט מיין בלוט, מיין קינד,
זייג דיך טעג און נעכט...
צו זייג איך אויס אַ פרייען מענש,
צו זייג איך אויס אַ קנעכט?

וועלל איך צו די טויזענטדער
נאָך אַ קנעכט ערציהן?
וועסט פאַר פרע'הס געטטער נאָך
און פאַר פרע'הן קניען?

אונז וועט טרעטען פרע'הס פוס,
לעקען דו זיין שטויב?
ניין! זאָל בעסער זיין דיין לייב
ווילדע פויגעלס רויב!

איך וויל אלליין ערשטיקען דיך!
ווארפען אין דען ניללל!
שלינגען זאָלל דיך בעססער איין
דאָרט דער קראָקאָדיל!

און אפשר דריקט די קנעכשאַפט שוין
די שמאַך אין דיינע אויערען,
קייטען קלינגען הערסט דו שוין —
ביסט אין זיי געבוירען!

אפשר זאַמלען זיך שוין היינט
אין האַרץ ביי דיר די קוואַללען,

און עס דרינגען דורך דיין הויט
די פינסטער שוואַרצע שטראַהלען.

אפשר פיהלסט דו דו דאָס געיאָממער,
וואָס ערפיללט די לופט...
און בעהאַלטסט ביי דיר אין הערציל
אַלע טראָפּפּען גיפט...

און דו פיהלסט שוין!... מיינע ליאַדער
האַלטען זיך ביינאַנד
מיט'ען שווישטשען פון די בייטשען
אין דעם מצרי'ס האַנד...

און עס מישט זיך אַלס צוזאַממען,
אַלדינג אין דיין מח...
און דו וועסט אַ העלד אויפוואַקסען,
דו וועסט קריגען כח...

און דו וועסט די יאָך צוברעכען...
און בעפרייען ברידער...

— — — — — — — — — — —

סם איז, קינדער מיינס, אין מיין מילעך,
סם אין מיינע ליעדער...

שמעון ש. פרוג.

דער לאָקשענברעט.

(א סוכות מעשה'לע)

יום־כפור, דאַנקען גאָט, אַוועק:
דערלעבט, געטרייע ברידער.
אוים ווײנען, זיפצען גאַנצע טעג —
מען זיצט אין סוכה ווידער;

מען זיצט בעדעקט מיט גרינעם סכך
אין רוהע און אין פריידען...
דער לולב שײנט, דער אתרוג שמעקט —
א ריח פון גן־עדן!...

מען לעבט, מען פרעהט זיך, מען קוועלט־אָן
ווי קינדער אין די וויגען...
אי, אי, ווי גוט איז מצות טהאָן —
בפרט מיט פערגעניגען.

עס קומען אָבער־פאַר אמאָל
דערביי אזוינע זאַכען.
וואָס ממש, כ'זאָג אייך, גרויס און קליין
אַהן כחות בלייבען פון לאַכען.

פערוואַרף דעם קאָפּ און קייקעל זיך
און האַלט זיך ביי די זייטען!...
די מעשה איז געוועזן ביי אונז
אין שמוינעווקע פערצייטען.

איהר מעגט עס הערען: משה־בער,
א בעל־הבית אין שטעדטיל,
האָט פלייסיג צו דער סוכה זיך
גענומען; וואו א ברעטיל,

א טהיר, א לאַדען — אלץ געשלעפּט
צום בנין, אלץ גענומען;
די מולטער מיט דער לאָקשענברעט
איז אויך צונויף געקומען;

אלץ פיין און ריכטיג צוגעפּאַסט, —
די לאָקשענברעט בעזונדער:
א גאַנצע לאַד פערשטעלט מיט איהר...
א סוכה גאָר א וואונדער!

אי הויך, אי ברייט, אי גרויס, כאָטש טאַנץ
כאָטש דאַווען מיט א מנין;
פּאָר בראַדסקין און פּאָר גינצבורגען
אַנ'אויסגעטאַקטער בנין.

און דאַנקען גאָט, דערלעבט די צייט —
מ'איז פון שול געקומען
און צו די יום־טובדיגע פיש
מיט חשק זיך גענומען.

„אי, העכט מיט חריין! איך זאָג אייך, נעמט
די ביטערסטע טריפ'ניאַקעס,
וואָס עסען חזיר אויפ'ן פוד
און קוויקען זיך מיט ראַקעס

און ווילען נים (א מכה זיי!)
א וואָרט פון אידען הערען.

געהמט זאָגט זיי: „פיש מיט חריין" — איז רעכט
חאָטש די כפרה ווערען"!...

אַזוי האָט אונזער משה־בער
גע'דרשנ'ט־זיך בניעמות
און נאָך די לאָקשען ברייט און פיין
גענומען זיך צום צימעס.

נאָר דאָ, אין מיטען דרינגען... גוואַלד,
וואָס איז דאָס? גאָט דו ליעבער!
די סוכה טרעסטשעט, הוידעט זיך
און ציטערט ווי פון פיעבער...

עס טוט אַ קרעכץ, אַ קנאַק און... טררראַך!
אויס סוכה!... וואונדער, כ'לעבען,
וואָס ניט דער'הרג'עט... יאָ, אַרויס
נאָר טאָקע מיט'ן לעבען:

ביי משה־בערן איז אַ האַנד
צובראָכען, ביי נחמה'ן
אַ פוס, ביי רבקה'לען פערקלעמט
דאָס בייכעל... וועה דער מאַמען!

ביי יאָסעלען צוהאַקט אַ ליפּ,
ביי נחמנ'קען צוריסען
אַ באַק, און חוץ דעם נאָך די צונג
אַ האַלבע אָבגעביסען.

פון צייהן און נעזער רעדט מען ניט...
איהר פרעגט: וואָס איז די סבה?
ווער האָט דאָס אַליץ דאָ אָנגעמאַכט?
אַ חזיר, מיינע גיעבע!

דעם שכנ׳ס חזיר איז פאַרביי
געגאַנגען פונ׳ם שפּאַציר
און ביי דער סוכּה אָבגעשטעלט
א קראַץ זיך טהון... נו,קראַצט ער

פּאַמעליך, וואָלט קיין אומגליק זיין...
איז ניין, ס׳איז איהם ניט ניחה,
מיט אַלע כּוחות אָנגעשפּאַרט
ווי מיט א מין רציחה.

און דוקא אָז דער לאָקשענברעט!...
א תּל פון אַלץ געוואָרען...
נו, הייגט דעם מנהג ווייסט איהר דאָך
פון יענע אַלטע יאָהרען:

געטראָפען וואָס ניט איז אין שטאָדט —
איז געהט מען צום קוואָרטאַילנע.
מע בעט איהם ער זאָס משפּט׳ן,
ווי ס׳רעדט זיך, גאַנץ פאָרמאַילנע

אין שול אפילו האָט מען שוין
גערעשעט: ס׳דאַרף דער שכן
פאַר אַלץ בעצאָהלען, הערסט, — ווי דען?
זיין חזר האָט צובראָכען!

נאָר דער קוואָרטאַילנע איז געוועזן
א חכם עתיק: „— אמת,
האָט ער געזאָגט, א חזיר, יא;
די שולד איז אָבער וועמעס?

דעם חזיר׳ס? ניין: א גראָבע זאך
יא, אָבער ווייטער — גאָר ניט;

עס בייסט איהם, נעביך, קראַצט ער זיך;
וואו שטעהט עס אַז מען טאָר ניט?

ניין, שולדיג איז די לאַקשענבערעט:
נאָך וואָס איז זי געפאַלען?
כ׳ווייס, אויף אַ פרעמדע קעשענע
איז יעדערער אַ בעלן.

נאָר איהר בעקלעהרט די זאַך אַליין
גאַנץ רוהיג און געדולדיג, —
אַ יאָ? דער חזיר איז גערעכט,
די לאַקשענבערעט איז שולדיג!"

שמעון ש. פרוג.

היים און קאַלט.

נו, — מזל־טוב, רחל'ע, מזל־טוב דיר —
א קינד, א בן־זכר געבאָרען!...
דאָס פּיצעלע קוויטשעט און שרייט אַהן אַ שיעור....
וואָס איז דאָס, דו, קליינער, וואָס איז דאָס מיט דיר?
דו ציטערסט? דערפראָרען געוואָרען?
אַך, דאָרט, אויפ'ן הימעל, וואו דו ביסט געווען,
איז ליכטיג און פרעהליך, און וואַרעם, און שעהן,
און דאָ... הערט זיך צו — בנאמנות:
דאָס פּיצעלע רעדט דאָך, עס שרייט דאָך: „געוואַלד!
אוי, מאַמע! ווי פינסטער איז דאָ און ווי קאַלט!...
אוי, וועה! האָב רחמנות!"...

* * *

דאָס רעדעל דרעהט זיך
אַרום אַהן אַנ'עק:
אַ טאָג קומט צוקריעכען,
אַ יאָהר פליהט אַוועק...

— „גוט מאָרגען אייך, רבי!" — גוט מאָרגען! אַ נו!
אַט זעץ זיך אַקאָרשט נאָר אַניעדער
און נעהם זיך צום חומש... נו, לעבעדיג... דו!
מיט חשק, מיט אברים, מיט גליעדער!...
דו שווייגסט? !... נו, טאַ לעג־זשע זיך! ליעג... אַט אַזוי...
איינס!... צוויי! !... „רבי! רבינו! אוי!..."

„ליעג, ליעג! דו, כל־בוניק!... ס'וועט קאָסטען דיר טייער!
איך אַרבייט, איך קנעל, איך בענים זיך מיט שוויס,
און ער... טאַ, אַט נאַ־זשע דיר! פּיהל זשע און וויס...
הא? וואָרעם?"... „היים! רביניו, רביניו, היים!
עס בריהט ווי אַ פייער!..."

* * *

אַ טאָג קומט צוקריכען,
אַ יאָהר פליהט אַוועק,
אַלץ האָט זיך זיין אָנפאַנג,
אַלץ האָט זיך זיין עק...

און נאָך אַמאָל — מזל־טוב! — מזל־טוב אייך!
שפּיעלט כלי־זמר'לעך! הויבט זיך אויף פליגעל!
דעם חתן איז פּשוט... „דער קרומער ניט גלייך";
די כלה — אַ דימאַנט, אַ שפּיגעל!
מע הוליעט!... וואַרט אויס, ליעבע פריינד, זייט ניט פויל —
דער דימאַנט האָט געגעל! דער שפּיגעל — אַ מויל...
— נו, מאַנגעלע! וואָרעם? עס קוועלט די נשמה?
„—אוי, ברידער, בחורים'לעך! איילט זיך ניט! — קאַלט!
איך פריהר ווי אום שבט ביי דער נאַכט אין אַ וואַלד...
איך ציטער, איך צאַפּעל... אוי, ברידערלעך, ג'וואַלד!
איך פריהר, פון נחמה!"

* * *

די וועלט איז אַ חדר
פאַר קליין און פאַר גרויס!
מע קוועטשט זיך, מע שטופּט זיך —
מע לערנט זיך אויס...

א סוחר געוואַרען... נו, גיכער, רב איד! —
אין האַץ איז אַ מאַרק און אין קלאַץ אַ יריד...
עס הודיעט, עס קאַכט ווי אין גיהנום!
איהר זעהט — קיין עין־הרע! מען לויפט! —
פעל, אקסען, זאַלץ, קאָרן, פלאַקס, פאַצירקעס, לעדער!
מע פליהט ווי אויף פליגעל, מע פאָהרט ווי אויף רעדער,
מע האַנדעלט, מע וואַנדעלט, מע קויפט, מע פאַרקויפט...
דאַס סוחר'ל יאָגט זיך נאָך דעם און נאָך יענעם,
עס ציטערט, עס צאַפּעלט, בעגיעסט זיך מיט שוויים...
אוי, סוחרימ'לעך, יודעלעך, פייערדיג, היים!
עס ברענט ווי אין גיהנום!

* * *

דאָס וועלטעלע דרעהט זיך —
אַ מאַרק, אַ יריד!
עס הודיעט, עס פלאַקערט,
עס ברענט און עס זידט...

ברענט, ברענט, איהר וועט אבגעקיהלט ווערען, רב־יוד
איהר איילט זיך נאָך סחורה? נאָך אייזען, נאָך ברעטער,
נאָך זייד און נאָך סאַמעט, איהר פלאַקערט, איהר זידט?
פערגעסט נאַר ניט — זייט אַזוי גוט — פון יריד
אַ שטיקעלע לייוואַנד צו ברייגגען, רב־פעטער...
עס קלאַפּען די פּושקעס, עס אַרבייט די זעג:
פיער ברעטער, צוויי שערבלעך,—און אוים מיט אַנ'עק!
געקומען צופאַהרען פון לעצטען יריד'ל...
נו, גיכער, שמשים! פערשיט שוין, בעהאַלט!...
אוי, יודעלעך! קאַלט איז דאָרט, זאָג איך אייך, קאַלט!...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

געפעלט אייך מיין ליעד'ל?

שמעון ש. פרוג.

דער כוס.

זאָג מיר מאַמישי, איך בעט דיך,
איז דאָס אמת, וואָס עס האָט
מיר פערצעהלט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימעל דאָרט פאַר גאָטט

שטעהט, כביכול... שטעהט א בעכער:
און ווען מיר קוועהלען זיך דאָ שווער
האָט דער גרויסער גאָטט רחמנות,
לאָזט אין כוס אריין א טרער? —

— אמת, קינד מייגס!
— זאָג נאָך, מאַמע,
איז דאָס אויכ'ט אמת זעבער,
אַז קוממען דעמעלט וועט משיח
ווען פערפולט וועט זיין דער בעכער!

— אמת!
און דאָס קינד פערקלערט זיך
וואַרט א רגע טרויעריג שטילל
פרעגט דערנאָכטען: ווען'זיע, מאַמע,
וועט דער בעכער זיין שוין פולל?

און ער הייבט די בלאָהע אויגען
טרויעריג צו דער מוטטער אויף:
„צו איז אָהן א דנאָ דער בעכער,
וואָס מיר ליידען אָהן א סוף?

וואָס מיר ליידען אוים אין גלות
אוג דער כוס וויל פולל נישט ווערען !
אפשר טרינקען דורך די יאָהרען
אינ'ם בעכער אוים די טרערען ?

אוג צורודעלט בלייבט די מוטטער
אויפ'ן פרומען קינד געבויגען.
אוג עס ציטטערן די ברעמען
איבער טרויריג־פייכטע אויגען

אוג עס פאַללען צוויי בריליאַנטען
אויפ'ן קינד'ס פערקלערטען שטערען !
— — — — — — — — — — — — —
גאָטט אין היממעל, האָב רחמנות,
נעם אין כוס אריין די טרערען !

מיכל קאַפּלאַן.

צוריק אַ היים.

געננוג שוין! — שרייט אוים משה יוסיל, —
דאַס מוז און דאַס וועט באַלד געשעהן.
אהיים וועל איך פאַהרען, קיין וולענדיק
און טאַקע נאָך שבת, איהר'ט זעהן.

פערברענט זאָל ער ווערען, קאַלאַמבוס!
אַ טייפעל געפינט אוים אַ לאַנד!
אַ גיהנום, אויף מיינע נאמנות!
עס ברענט דאַ, עס פלאַקערט אַ בראַנד!

אהיים וועל איך פאַהרען קיין וולעדניק,
ארויסגעהן פּאַמעלאַך אין מאַרק,
פערדיענען דאָרט עטליכע גראָשען
און גאָר ניט געהאַרעוועט שטאַרק.

און לעבען אין כבוד, אין נחת,
און האָבען אַ ווערדע ביי לייט.
אַ חשוב ביים פּריץ חאַליוטין —
געהאַנדעלט מיט איהם אזא צייט.

אַ טייערער גוי, דער חאַליוטין.
ער האָט ליעב צו מאַכען אַ שפּאַס:
„אַט זינג" — זאָגט ער — „יאַשקע, מה יפית"!
ער רעדט אזוי גראָב אויפ'ן באַס.

ער ווערט אַמאָל כּלומרשט משוגע,
און הויבט אָן די פּריצישע שטיק:
„פּאַשאָל וואָן, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!“
און שיקט מיך באַלד רופן צוריק.

און קומען וועל איך אין בית מדרש,
(דאָרט ברויכט מען קיין טיקעט ביים טהיר),
איך האָב דאָרט אַ שטאָדט אַזאַ אין מזרח,
ניט ווייט פון ר׳ סענדער דעם גביר.

און הערען בן ציון דעם חזן —
זיין טיעפען געבעט, זיין געוויין,
ער שפּרייט אוים די הענד און ער טענה׳ט,
זיין טענה קען ריהרען אַ שטיין.

און הערען דאָרט שלום דעם מגיד,
ער רעדט אַזוי האַרציג געטריי,
ער מאַחלט אוים חבוט הקבר —
איז פּונקט ווי איהר זייט דאָרט דערביי.

און ס׳וועט זיך אַרום מיר פערזאַמלען
אַ רעדעל אין שוהל־הויף, אין גאַס.
און איך וועל אַ רעדט טהאָן אין ענגליש:
„חעללאָו!“ — וועל איך זאָגען אין שפּאַס.

„לײדים און דזשענטעלמען, ליסען,
„איהר לעבט דאָ ווי ווערים אין חריין,
„און ווילד זיינט איהר ווי אינדיאַנער,
„און ווייסט ניט וואָס גוט איז, וואָס שעהן.

„צי ווייסט איהר, אַ שטייגער, וואָס מיינט דאָס
„אַפּסטעז“ און „טאָפּ פלאָר“ און „די בעק“

„און „לענדלאָרד" און „קאָרט" און „סיידוואָק"
„און „זוכען א רזשאָב" און „ס'איז סלעק"?
„אלבעטשע איהר ווייסט ניט וואָס „בלאָף" איז.
„און „העלפּ יורסעלף" ווייסט איהר וואָס מיינט?
„און גריגהאָרנס, ווילדע באַרבאַרען!
„קאָלאָמבוס וואָלט אייך דאָך פערשטיינט".

און שטעהען וועט דער עולם און טראַכטען:
„ס'א מזיק! ער רעדט דאָס א שפּראַך!"
און איך וועל זיך ברייען און ברייען,
ארומריידען איטליכע זאַך.

און רעגטען וועל איך דאָרט אין וולעדניק
ביי נחום דעם שמש א „פלעט",
און קויפען א שעהנע קאַנאַפּע,
און קויפען א הילצערנע בעט;

און הייסען מיר קאָכען א קרופּניק,
איך זאָג אייך, ס'א מאכל, אַנטיק!
א חיים וועל איך פאָהרען קיין וולעדניק,
אַהיים וועל איך קומען צוריק.

י. באשאווער.

דער אָבשיעד.

דער טאג איז געקומען דער גליקליכער,
אויף וועלכען דו האסט לאנג מיט זעהנזוכט געווארט.
דער טאג, וואס בעפרייט דיך פון פינסטערען שאפ,
וואו דו ביזט געווען פיעל יאהרען פערשפארט.
דו זעהסט דורכ'ן פענסטער די זאנע מיט פרייד,
עס שיינט דיר היינט ליכטיגער, שעהנער איהר שטראהל,
וועסט מעהר זי ניט זעהן אזוי, ווי ביז היינט,
דורך די דונקעלע שויבען, מיט שמערץ און מיט קוואל.

דער טאג איז אוועק — די זון געהט אראב
און ווארפט אויף דיין ארבייט א גאלדענעם פונק.
דו הויבסט אויף די אויגען און קוקסט זי אן לאנג
און, דאכט זיך, זי זאגט דיר גאנץ שטיל, מיט א וואונק:
„לעג ניעדער די ארבייט, דו גליקליכעס קינד,
די נאדעל, מיט וועלכער דו האסט לאנג געשאפט —
די שטאלענע נאדעל, וואס ז'האט ווי מאגנעט
געצויגען ביז איצטער דיין קראפט און דיין מאכט.

„לעג נידער די פאדים, לעג ניעדער די זייד,
מיט וועלכע דו האסט פאר די רייכע גענעהט
די טהייערסטע קליידער פון זיידענע שטאף,
און זיך ביי דער ארבייט געוואונשען דעם טויט.
שנייד אב די פאדים, דו שניידסט דאמיט אב
די קייטען, וואס דו האסט געטראגען ביז היינט,
שנייד איבער די פאדים — דער שניט זאגט דיר אן,
אז דו וועדסט פערבונדען אצונד מיט דיין פריינד!“

דיין הערץ הויבט אָן שלאָגען מעכטיג און שטאַרק,
דו לענגסט וועק דיין אַרבייט, שטעהסט אויף פון׳ם אָרט,
דיין קאָפּ איז צוטומעלט פון אויפרעגונג, פרייד,
דו קענסט גאָר פאַר שמחה נים ריידען קיין וואָרט,
דיין אויג ווערט פערפלאָסען מיט אַ וואַר׳מען טרער,
וואָס פינקעלט אַזוי ווי אַ טהייערער שטיין.
דו קוקסט זיך אַרום אויף די ווענד פון׳ם שאָפּ,
און נעהמסט פון איהם אַבשיעד מיט שטילען געוויין:

„אַדיע, דו פינסטערע גרוב פון דער ערד!
אַדיע, דו קערקער אין פּרייהייטס-געשטאַלט!..
אַדיע, דו רויבער פון קרעפטען, פון בלוט!
דו טייפעל, וואָס וואַנדעלט פון יונג אום אויף אַלט!
אַדיע, דו פערפעסטעטע, גיפטיגע לופט,
דו האָסט באַלד מיין לונגען געמאַכט ווי אַ זיפּ.
פיעל בליהענדע בלומען זיינען געוואָרען פערוועלקט,
דו האָסט זייער זאַפט אויסגעצאַפּט מיט דיין ליפּ!

„די קינדערשע יאָהרען, פון לעבען דעם מאַי,
האָב איך ביי דער אַרבייט בעגראָבען אין דיר,
קיין פרייע סעקונדע, קיין פרייע מינוט
האָט עס אין מיין לעבען געגעבען פאַר מיר,
דאָ האָב איך פיעל גאָלדענע חלומות געטרוימט,
און פיעל מאָל געזעסען פערזונקען אין וועה,
דאָ האָב איך געלאַכט, און פיעל מאָל געוויינט,
דאָך יעצט נעהם איך אַבשיעד מיט פריידען — אַדיע!“

נון, יעצט מיט דעם פאָרמאַן געזעגענסטו זיך,
ער קוקט אויף דיר שמייכלענד, מיט פרעהליכען בליק,
דו מיינסט, אַז ער פרעהט זיך, אַ טעות, מיין פריינד!
ער שענקט דיר אַלס עהרע די ווערטער „מיט גליק“.
און יעצט מיט די פריינדינס געזעגענסטו זיך,

און יעדערע ווינשט : „אין גיכען ביי דיר“.
שוין פאַרטיג! גיסט ווידער אַ קוק אויף די ווענט,
און נעהמסט אַן מיט שמחה די הענטעל פון טהיר —

דאָך האַלט! יעצט האָב איך דיר צו זאָגען אַ וואָרט :
אומזיסט איז דיין שמחה, אומזיסט איז דיין פרייד!
ועסט איצטער נאָך ווערען אַ שקלאַף ביי אַ שקלאַף,
וועסט האָבען נאָך גרעסערע צרות און לייד!
אַן ארבייטס־מאַן נעהמסטו, אַ פינסטערען קנעכט,
אַ, מיידעל! וועסט ווערען פערפינסטערט, פערשוואַרצט,
דיין רוקען וועט בויגען זיך יונג פאַר דער צייט!...

וועסט וואוינען אין פינסטער'רע קליינינקע רומס,
אין אַ שמוציגען הויז, אויף אַ בוידעם, טאָפּ־פלאָר,
וועסט זעהן דעם לענדלאָרד גאַנץ עפטערס ביי זיך,
וואָס הינט, דו זאָלסט צאַהלען די רענט אויף אַ האָר.
און ועסטו ניט קענען איהם צאַהלען צום סראַק,
זאַ וואַרפט ער אין סטריט דיינע זאַכען אַרויס,
און זאָגט נאָך דערביי מיט אַ מינע פון שמערץ :
„איך מוז דאָך אויך צאַהלען די שטייער פון הויז“...

וועסט קינדערלעך האָבען, וועסט ליעבען זיי שטאַרק,
און עפטערס ניט האָבען קיין עסען פאַר זיי,
און זאַ ווי מיט שפּיזען וועט שטעכען דיין הערץ
זייער ביטערער יאָמער, דער הונגער'ס געשריי.
וועסט שטענדיג נאָר ציטערען פאַר'ן ביטערען „סלעק“,
די פינסטערע צייט, ווען קיין ארבייט איז ניטאָ ;
וועסט פלוכען דיין לעבען, וועסט פלוכען דיין מאַן,
וועסט שילטען דעם חתונה טאָג, און די שעה.

דו געהסט צו דער חופה מיט שמחה, מיט פרייד,
דו מיינסט, דיך ערוואַרטעט דער מזל, דער גליק,

אַ מיידעל, דו ביזט נעבעך ביטער געאירט !
דער מאַרש צו דער חופּה איז אַ טויטען־מוזיק,
תּכריכים נאַר זיינען דער שלייער, דער טול ;
די חופּה — דיין גרוב, דער מת — דו אליין,
דער גאָלדענער רינג איז אַן אייזערנע קייט
און אויף אַ מצבה, אַן אַנדענקונג שטיין !..

י. באשאווער.

דער שלאָף.

נאכט האט ברייט זיך אויסגעגאסען,
אלע אויגען צוגעשלאָסען,
איך אליין נאר זיץ ביי'ן טישעל
און איך לערען נאך אביסעל.
אך, ווי זיס דאס איז, ווי טהייער!
ס'לעשט די זעעלע'ס דורשטיגען פייער,
גלייך ווי טהוי, ווי טראפענס נאסע
טרינקען אין די ליליע בלאסע.
וועלכע ווארט, די זאנגען־שטראהלען
זאלען ווערען שוין פערפאלען
און די נאכט זאל ענדליך ווינקען,
אום רעם טהוי צו קענען טרינקען.

און איך לערען, מיש די בלעטלעך,
וועלכע זיינען גלייך צו בעטלעך,
וואו עס רוהען טויטע ראסען,
העלדען, קעמפפער, פעלקער־מאסען.
ב'לערען, לעז פון טאפפערע קריעגער,
פון בעזיעגטע און פון זיעגער,
וועלכע האבען פול טרייהייט,
היים געקעמפפט פאר רעכט, פאר פרייהייט,
וועלכע האבען ווי די לייבען,
ווי די ריעזען זיך ערהויבען
מיט א ליעבעס־באנד צוזאמען,
אום די הענקער צו פערדאמען.

לעבענסך זעה איך די געזיכטער
פון די העלדען, גלייך ווי ליכטער,
כ'זעה די אויגען פלאַמען, בליצען,
שטראַמען מוטה און שכל שפּריצען.
און די לאָקען, לאַנגע, שעהנע,
גלייך ווי וועלען, כוואליעס קליינע,
ווען דער ווינטעל מהוט זיי רייצען,
וואַרפען אום זיך אויף די פּלייצען.
אך! עס טראַכט זיך מיר ביי'ן לעזען:
וואָלט עס יעצט, אַ יעצט געוועזען,
און איך וואָלט שוין דאָרטען זיצען —
דאָרט, אין פעלד, וואו שווערטער בליצען...

פון געשיכטע געה איך איבער
ציט'רענדיג אין לייכטען פיבער
צו די אַנד'רע וויסענ'ס־לעהרען,
וועלכע זוכען צו ערקלערען
יעדע קראַפט, וואָס ליעגט בעהאַלטען
אין נאַטור'ס געהיימע פאַלטען
פון דער ערדע, פון די פּלאַנצען,
פון דעם ערדענ־רייך אין גאַנצען,
און פון יענע לעבענס־טהיערע,
וועלכע האָבען זייער דירה
דאָרט ביי'ן אָבגרונד פון די ים'ען,
וואו זיי לעבען זיך צוזאַמען.

און איך לערען, לערען, לערען,
דאַך, ווער זוכט עס מיר צו שטערען?
עפּעס ציהט — איך חויב אָן שפּירען
א טומאַן אויף די געהירען,
וואָס איז דאָס? פון מיינע אויגען
איז די זעהונגס־קראַפט פערפלויגען,

און זיי ווילען זיך שוין שליסען,
ווער איז דאָס — איך וואָלט עס וויסען —
וואָס פערגינט מיר ניט שטונדען,
ווען איך הייל די אַלטע וואונדען?
ווער איז דאָס? איך מעג דאָך זיצען
נאָך א טאָג פון שאַפען, שוויצען!

שאַט! איך פיהל, א שוואַרצער שאָטען
וועבט אַרום מיין קערפּער מאַטען,
שטילער, שטילער, עס בעוועגט זיך!
שטילער, שטילער, אַט עס רעגט זיך:
„כ׳בין דער שלאָף, איך בין דער דרימעל,
כ׳בין געשיקט פון מאַמאַן׳ס הימעל
דיר דעם מח צו פערשפּינען,
שטומפּיג מאַכען דיר דעם זינען,
דיינע אויגען צו פערמאַכען,
זאָלסט ניט קענען לערנען, וואַכען...
מוזט פאַר־טאָג שוין געהן פערדינען —
דרעהען, טרייבען די מאַשינען.

„מיינסטו, אז די פרייע שטונדען,
די מינוטען, די סעקונדען,
ווען דו ביזט פון שאַפ געקומען,
האָט מאַמאָן ניט צוגענומען?
ווייס: זיי זיינען אויך ניט דיינע!
גאָט מאַמאָן זאָגט: „אַלץ איז מיינע“!
רוה נאָר אוים דיין קערפּער שלאָפען,
זאָלסט אויף מאָרגען קענען שאַפען,
ווי א פערד, יא, ווי א בהמה
פול מיט אנגסט, מיט שרעק, מיט אימה
פאַר דעם געלד־גאָט׳ס שווערע בייטשען...
כ׳דאַרף ניט מעהרער דיר פערטייטשען“...

— — — — — — — — — — — — — — —

אך, ווי ביטער איז דאָס לעבען!
אלץ דעם טייפעל אבגעגעבען...
ארבייטער! בעטראַכט... בעטראַכט אייך!...
אך... עס שלעפערט... גוטע נאַכט אייך!...

ד. פינסקי.

געשלאָגן דעם טאַטען.

זיי, זיי רייצען מיך! זיי, זיי זידלען מיך!... „געשלאָגן דעם טאַטען!" פּראַים! דעם טאַטען האָב איך געשלאָגן? א י ך וועל שלאָגן דעם טאַטען?!... כע!...

וואָס אמת איז אמת, משוגע בין איך. אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר, אַזוי האָט געזאָגט אונזער שכן חער סטודענט און איך ווייס דאָס אַליין.

איך בין קיין מענש נישט! איך בין, איך בין... איך האָב שטענדיג געוואָלט פרעגען ביי אונזער שכן, וואָס איך בין אַזוינס... נאָר א מענש בין איך געווים נישט.

ער פלעגט מיר זאָגען, אַז א מענש דאַרף האָבען אייגענעם שכל, אייגענעם ווילען און דאַרף קאָנען אויספיהרען זיינס... איהר פערשטעהט איהם? איך — אסור. ווי איז דאָס, איך בעט אייך, איין אייגענער שכל און ווילען?

נאָר ווי די מעשה איז — קיין מענש בין איך נישט. אָבער שלאָגען דעם טאַטען?! איך?! ווי הייסט?!...

וואָס אמת איז אמת — מיך האָט דער טאַטע גאַנץ אָפט געשלאָגען, אפילו צו אָפט... „טירריבווינץ" אין קאָפּ... „טירריבווינץ" אין האַרץ... איך האָב געשמייכעלט, שטענדיג געשמייכעלט, ביז עס פלעגט נישט אָנהעבען געהן בלוט. לאָזט זיך בלוט, ווער איך אָבהענדיג, כי הדם הוא הנפש — דאָס בלוט איז דאָך דאָס לעבען!... ד אָ ס איז שוין איבעריג, ד אָ ס דאַרף מען שוין נישט... נאָר געשוויגען האָב איך, שטענדיג געשוויגען. קיין וואָרט נישט הויך, קיין פּיפּס... צו וואָס?...

און דער טאַטע האָט געשלאָגען סכנות'דיג... איינמאָל איז גע־וועזען אַזאַ מעשה:

עס האָט זיך צובראָכען איין אַלטע מאַשין. דער טאַטע האָט אָבגערעכענט דעם אַרבייטער פינף רובל פאַר פערריכטען זי.

דער אַרבייטער איז אָבגעוועזען ביים טאַטען צוואַנציג יאָהר; ער האָט זיך נאָך מיט מיר געניאַנטשעט, אַרומגעטראָגען. איין עהר־ליכער מענש געוועזען, אַ שווייגענדיגער. מסתמא אויך קיין מענש נישט, כע...

דאָס רחמנות־פּנים'ל פון דעם אַרבייטער, זיינע שבועות דורך טרערען, אַז ער איז נישט שולדיג, האָבען מיך געריהרט. „טאַטינ־קע", האָט זיך מיר אַרויסגערעדט, „טאַטינקע, איין עולה טוסט דו... אַ רחמנות... ער איז נישט שולדיג... איין אַלטע מאַשין"... נו, נו, האָב איך געהאַט! די אויגען זיינען געוועזען אונטערגעשלאָגען, פון נאָז איז מיר געגאַנגען בלוט. איך האָב געשוויגען. מיך האָט מעהר נישט פערדראָסען אויפ'ן טאַטען — גערעכט בין א י ך דאָך... אַ רחמנות אויפ'ן אַרבייטער איז דאָך געוויס... און בלוט האָט געגאָסען — אַ גאַנץ עמער! איך האָב אודאי צעהן קוואַרט וואַסער איבערגעפיהרט. גוט נאָך, וואָס אין אונזער דירה איז אַ וואַסער־ליטונג... אין דער אַלטער דירה וואָלט גאָר שלעכט געוועזען... דאָר־טען איז פאַר נאַכט קיין מאָל קיין וואַסער נישט געוועזען אין שטוב...

נאָכדעם ווייטער איז געוועזען אַזאַ מעשה. איהר מוזט עס הערען! א י ך האָב געשלאָגען דעם טאַטען, כע!

ער האָט מיך איינמאָל געטראָפען איבער אַ בוך... איך האָב זעהר ליעב ביכער צו לעזען... דער שכן פלעגט מיר געבען... האָט ער מיך, דער טאַטע, געוואָרפען אויף דר'ערד, געטאָפּעט מיט די פיס אין קאָפּ, אין בויך, אין האַרץ... בלוט איז געגאַנגען פון די ציין און פון נאָז. איך האָב געשוויגען. עס האָבען נאָר די קלעפּ געהילעכט. נאָר, אַז ער האָט דאָס בוך געריסען, האָב איך די האַנ־

אויסגעשטרעקט און אַ קוק געגעבען ברוגז'ליך אויפ'ן טאַטען. „דאָס איז אַ פּרעמדס בוך, אַ גוטס, איין עברה", האָב איך ברוגז'דיג געשטאַמעלט. איך האָב דערפאַר בעקומען נאָך אַ פּאַרציע... נאָכדעם האָט מיך דער טאַטע אויף דריי טעג פערשלאָסען, וועניג עסען גע־געבען און אַלע טאָג געשלאָגען. איך בין געזעסען און געלייענט די שטיקלעך פון בוך, וועלכע איך האָב אריינגע'גנב'עט צו זיך אין קעשענע... כי, כי, כי... עס האָט מיר באַנג געטהאָן נור איין זאַך: אויף איין שטיקעל איז געשטאַנען, אַז דער העלד איז געלאָ־פען טרינקען זיך, און איך האָב דעם סוף נישט געוואוסט... עס האָט מיר טאַקי באמת באַנג געטהאָן און רוהען ניט געלאָזט...

אַבער שלאָגען דעם טאַטען ? ! כע־ע !

דאָ צום סוף... נאָר איך שעם מיך צו דערצעהלען... אַ ליעבע, כע !... איהר הערט, ווי מיין קול ציטערט ? איך קאָן קאַלטבלוטיג ניט רעדען וועגען דעם. ז י וואָהנט נעבען אונז, אַ טיר נעבען אַ טיר... איך זאָג אייך — אַ טייערינקע, אַ ליובינקע, אַ גאָלדעלע... זאָג איך אייך ! שטענדיג זיטצט זי איבער איין ארבייט. מיט דער נאָדעל האַלט זי אוים איהרע עלטערן. שטיל ווי אַ טייבעל. קיינמאָל קיין אונצופריעדען וואָרט נישט; שטענדיג גוט צו אַלעמען; שטענ־דיג מיט אַ וואָרט רחמנות !... איך זאָג אייך... אַ, עס הריקט מיר דאָס האַרץ... אַ !... איך זאָג אייך — אַ זיסינקע, אַ האַרציגע, אַ... אַ.... אַ מאַמינקע !.. איך פלעג צו איהר אָפט געהן... איהר זעהט, אַ, איך כאַפּ קוים דעם אָטעם... איך האָב ליעב געהאַט זיטצען און קוקען אויף איהר, נאָר קוקען, ניט אראָבצונעהמען איין אויג... דער טאַטע האָט מיך דערזעהען אריינגעהן צו איהר... איז ער אריינ־געלאָפען האַסטיג נאָך מיר גלייך, געכאַפּט פון טיש אַ מעשענען לייכטער און געוואָרפען מיר אין קאָפּ... דאָס ערשטע מאָל, דאַכט זיך, האָב איך אַ ווייטאָג דערפיהלט... עס האָט אַ שפּריטץ געטהאָן דאָס בלוט... דער טאַטע האָט מיך שוין געשלאָגען מיט די פוים־טען... דאָס האַרץ האָט מיר געדריקט, שטאַרק געדריקט... עס האָט

מיר געברענט אין די אויגען, נאָר וויינען האָב איך נישט געוויינט... געשוויגען האָב איך; קיין וואָרט נישט... עס איז מיר מעהר נישט זעהר אומעטיג געוואָרען און פערדראָסיג אויפ׳ן טאַטען, ווי וואַרפט מען דאָס אַ שווער לייכטער אין קאָפּ?... און אזער וואַלט מיך גע׳הרג׳עט? אַ גלייכווערטעל איז דאָס, וואָס... נאָר איך האָב גע־שוויגען... זי י האָט זיך פאַר מיר איינגעשטעלט... דער טאַטע האָט אָנגעהויבען זי צו שלאָגען... און איך... עס האָט מיך געוואָר־פען ווי אין אַ פיבער... עס איז מיר געוואָרען אזוי מאָדנע... איך האָב געברענט... אז עס איז מיר לייכטער געוואָרען, איז דער טאַטע געשטאַנען אַ פערבלוטיגטער...

הם! האָב א י ך איהם געשלאָגען?!... אַ געלעכטער איז דאָס דאָך!...

דער דאָקטאָר זאָגט, אז איך בין געריהרט... איחר זעהט, אַ, עס וואַרפט מיך אין קעלט...

י. אָרלער.

דאָקטוירים.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ גרינגעם אידען).

שלום עליכם'ן אַ מתנה.

קומט איהר זיך צוגעהן און איהר זאָגט: אמעריקאַנער דאָק־טוירים... הינט־שלעגער! קאַוואַלעם! לאַטוטניקעס זיינען זיי, ניט קיין דאָקטוירים! זיי קאָנען אייך אוועקקוילענען אַ מענשען — אַ אידען הייסט דאָס — אַ זאַ האָהן זאָל ניט קרעהען!...

פאַר וואָס בין איך אַזוי אין כעס אויף זיי? — פרעגט איהר. פאַר וואָס זאָל איך ניט זיין אין כעס, אז זיי האָבען מיך פשוט גע־וואָלט שעכטען אָהן אַ חלף, האָבען זיי מיך געוואָלט...

נישקשה, איהר מעגט דאָס הערען, מעגט איהר דאָס... וואָס, איהר האָט קיין צייט ניט? נאַרישקייטען! וואָס הייסט איהר האָט קיין צייט ניט? — אייערע שיפען געהען אונטער? אייערע וועל־דער ברענען? אייערע טייכען טריקענען אוים?... ווי האָט דאָס עפּעס אַ איד קיין צייט ניט?...

איהר וועט שוין הערען, זאָגט איהר? — אַ שעהנעם דאַנק אייך! אויב אַזוי, טו גיט־ שע מיר טאַקע אַ שמעק־טאַבאַק...

איך זאָל דאָס, זאָגט איהר, מאַכען בקיצור? זאָל זיין בקיצור: ווי זאָגט איהר...

האָפּטשאַ!... נענאָסען ביי דעם אמת. וואוילער טאַבאַק, איי־ערער! גאָר וואוילער!

איך זאָל דערצעהלען די מעשה, ווילט איהר? זעהר שעהן. אָט דערצעהל איך אייך:

ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך מיר אין רוסלאַנד, אין קיעוו הייסט דאָס, געווען אַ שעהנער בעל־הבית אַן עושר. אין שוהל —

געהאַט אַ „שטאַדט“ אין מזרח־וואַנד: געטראָגען דעם פיינעם טערקישען טלית, מיט דער ברייטער זילבערנער עטרה, מיט׳ן זילבערנעם מיטעל־שטיק. געהאַט די פיינסטע עליה, צדקה געגעבען, געהאַט דיענסטען — געהאַנדעלט מיט וואַלד און געהאַט אַ פּאָר שוואַרצע פערד ווי די אָדלערס. אַז איך פלעג אין אַ ווינטער־טאָג אַרויספאָהרען, האָבען די אידישע שונאים געלאָפּעט פאַר קנאה... דער שליטען מיט קיילעכדיגע גלעקלעך האָט געקלונגען; דער שנעע האָט געסקריפּעט: פון די פערדישע נאָז־לעכער האָט געזעצט אַ פּאַרע: און די ווייסע פעלדער אַרום, האָבען געשימערט ווי באַשאָטען מיט דימענטען... און איך, ר׳ דוד קאַרפּ, בין מיר געזעסען אין דעם טייערען סויבלענעם טילעפּ, מיט דעם טהייערען סויבלענעם היטעל, איינגעדעקט וואַרעם... און פאַרבייפאָהרענדיג אַ דאָרף פלעגען די הינט בילען אויף מיר... און די בעל־הבתים זייערע — מיט די צייגער קריצען...

וואָס זאָגט איהר איך בין אַרונטער פון דרך? כ׳לעבען איהר זענט גערעכט... נור מילא, פערפאַלען! זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליגע צייטען, זיך דערמאָנט... האָט איהר ניט ביי זיך נאָך אַ שמעק־טאַבאַק?...

וואוילער טאַבאַק ביי אייך!

הערט זשע מיך אויס: אַנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט דאָקטוירים...

געווען איז דאָס מיט אַ מאָנאַטען דריי צוריק. אַ שבת. געקומען פון שוהל, גאַנץ פיין קידוש געמאַכט, פאַרביסען מיט אַ שטיקעל אייער־קיכעל און אַ כזית געפילטע פיש. באַלד איז מיר, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט גוט געוואָרען... דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען... טיאַך... טיאַך... טיאַך... דער קאָפּ דרעהען זיך... אַלץ אין הויז: דער שפּיגעל, דער טיש, די בענקלעך... אַלעס, אַלעס האָט זיך גערדרעהט ווי אַ ווינד־מיהל... איך האָב געפיהלט, ווי דאָס חיות עקט זיך מיר.

דערשרעקט זיך מיין שנור, און לויפט אַריבער איבער דער גאַס און ברענגט אַ דאָקטאָר.

דער זוהן מיינער? ער אַרבייט שבת... האַלט אַ גרויסען שאַפּ...

אוי, אַמעריקאַ, אַמעריקאַ! אין דער היים געווען אַזאַ גאָלדען־קינד, אַ שאַרפֿע קאָפּ געהאַט, געלערנט אַ בלאַט גמרא ניט ערגער ווי ר' איצע דער דיין — און דאָ, האַלט מען אַ שניידער־שאָפּ מיט מענשען. קיין שבת... קיין יום־טוב... כסדר פֿאַרשמאַיעט...

איך בין, זאָגט איהר, ווידער אַראָפּ פֿון דרך הישר? גערעכט, כ'לעבען. הקיצור, דער דאָקטאָר האָט מיך בעטאַפּט, בעשמעקט, מיך אויסגעקלאַפּט, אויסגעהערט, אויסגעקאַשערט די אויגען, געהייסען זיך אַרויסשטעלען דעם צונג — זענט איהר שוין פֿאַרטיג? הויבט זיך גאָר ניט אָן! האָט ער אַ קנייטש געטהאָן דעם שטערען, זיך אַ גלעט געטהאָן אין דער ליסענע — אין פֿליך הייסט דאָס, און מיך אַ פֿרעג געטהאָן:

— איז אייך גודנע אויפ'ן הארצען?

— יאָ, זאָג איך.

— און דער קאָפּ דרעהט זיך אייך?

— נאָך אַ מין דרעהען!

— און דאָס האַרץ קלאַפּט אייך?

— נאָך אַ מין קלאַפּען!

— און איהר פֿיהלט זיך ווי אויף צום חלש'ן?

— יע.

— ס'איז גאָר נישט מיט גאָר נישט! ס'איז, זאָגט ער, אַזאַ מין קראַנקהייט...

און ער הייסט פֿערמאַכען אַלע פֿענסטער. „דאָס קלענסטע ווינטעלע", זאָגט ער, „קאָן אייך אַוועקלייגען"... און ער פֿוילט זיך ניט און פֿערמאַכט טאַקע אַליין אַלע פֿענסטער און מיך דעקט ער איין מיט נאָך אַ קישען, נעהמט צו דעם דאָלאַר און געהט אַוועק.

האָט איהר אפשר נאָך אַ שמעק טאַבאַק?...

הערט זשע מיך אויס: אַז דער דאָקטאָר איז אַוועק האָב איך גענומען שוויצען... אין קאַרגע 5 מינוט בין איך געווען אַן אויסגעצוואַגענער, אַן אויסגעווייקטער, ווי מען וואָלט מיך אַרויסגעצויגען פֿון אַ ברונעם מיט וואַסער. שכנים האָבען געזאָגט: אַז זייט זיי לעבען, האָבען זיי נאָך ניט געזעהן אַ מענש זאָל אַזוי פֿיעל שוויצען

ווי איך האָב געשוויצט...

הויבט זיך אויף מיין שנור און שיקט אוועק אַ שליח נאָך מיין זוהן, און אַליין געהט זי און ברענגט אַן אַנדער דאָקטאָר. נאָך גאָר אַ יונגער שנעק, מיט אַ קליין געל־בערדעלע, ווי אַ פיטום פון אַן אתרוג...

און פונקט דער אייגענער לאַטוטניק וואָס דער ערשטער... פונקט דער אייגענער: טאַפּט פריהער דעם דופק, קאַטשעט אויס די אויגען, באַטאַפּט און באַשמעקט און הייסט זיך אַרויסשטעלען אַ צונג — קנייטשט איין דעם שטערען און זאָגט: „מיסטער, איהר זייט עפּעס ניט געזונד".

וואָס זאָגט איהר ניט אויף אַזאַ בהמה! איך צאַפּעל זיך ווי אַ פיש אין וואַסער, ליג אין אַ טייך שוויים, דער קאָפּ דרעהט זיך ווי אַ ווינד־מיהל, דאָס האַרץ האַמערט ווי מיט האַמערס — קומט זיך צוגעהן אַ בהמה, אַ דאָקטאָר, און דערצעהלט מיר אַז „איך בין קראַנק"...

אייערע דאָקטורים! ברענען זאָלען זיי ווי די שטרויענע דעכער!

הערט זשע מיך אויס: געהט ער, דער דאָזיגער דאָקטאָר, און פערשרייבט מיר: „2 פּיעוווקעס און שפּאַנישע פליגן"... אויב דאָס, זאָגט ער, וועט ניט העלפען זאָל מען איהם רופען אַ צווייטען מאָל...

און איידער ער געהט אוועק און נעהמט צו דעם דאָלאַר, זאָגט ער אָן: „למען־השם עפּענען אַלע טהירען און פענסטער". אויב מעגליך, זאָגט ער, זאָל מען מיך אוועקזעצען ביים אָפענעם פענס־טער און אַרויפלעגען אַ פענכער מיט אייז אויפ׳ן קאָפּ...

אַז ער איז אוועק, האָט די שנור מיינע, מיך צוגעפיהרט פּאַמעליך צום פענסטער, אַרויפגעלעגט אַ פענכער מיט אייז אויפ׳ן קאָפּ, די „שפּאַנישע פליגן" אויפ׳ן פּלייצע, געלאָזט שטעלען צוויי פּיעוווקעס אונטער די אויערען און מיך אוועקגעזעצט.

זיץ איך. איך זיץ, און איך פיהל, אַז עס נעהמט אַ סוף צו מיינע אַלטע יאָהרען. איך געה פשוט אויס ווי אַ ליכט!...

מיין שנור זעהט, אַז דער עסק ווערט פּאַסקודנע, נעהמט זי זיך

שרעקעו... רופט זי אריין א שכנה און ז י לויפט אוועק און ברענגט צו שלעפן עפעס א נייעם דאָקטאָר.

האָט איהר ניט ביי זיך נאָך א שמעק־טאַבאַק?...

הערט זשע מיך אויס: ווי נאָר דער נייער דאָקטאָר איז אריין אין שטוב, האָט ער באַלד געהייסען פערמאַכען די פענסטער... ארונטערנעהמען די צוויי פיעווקעס, דעם פענבער אייז פון קאָפּ, און די „שפּאַנישע פליגען" פון פּלייצע.

„איצט", האָט ער קאָמאַנדעווע געטהאַן — „לייגט איהם שוין אריין אין בעט און זאָל ער ליגען. נאָר ליגען..."

ליג איך. קלאַפּט ער מיך אויס מיט א פינגער; לעגט צו דאָס לינקע אויער צום הארץ; האַלט מיר דעם דופק און קוקט אויפ'ן גילדערנעם זייגערל, און שטופּט מיר עפּעס א גלעזעל אונטער צונג...

אז ער נעהמט ארויס דאָס גלעזעל, פערטראַכט ער זיך — מעשה פילאָזאָף — און זאָגט: „אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט איהר ענטוועדער די גריפּ אָדער א פּענדיסיטיס... אויף זיכער ווייס איך נאָך ניט; מען דאַרף עס ערשט אויסגעפינען היינט נאָך האַלב נאַכט... ווייל דאַן וועט זיך ביי אייך אָנהויבען דער קריזיס... דער ע ר ש ט ע ר קריזיס: דאַן וועט נאָך קומען א צ ו ו י י ט ע ר קריזיס און ארום 3 א זייגער פאַרטאָג — א ד ר י ט ע ר קרי־ זיס... און ערשט נאָכ'ן דריטען קריזיס וועט מען קאָנען וויסען ווי עס האַלט מיך אייך. אָדער איהר וועט בלייבען לעבען אָדער איהר וועט שטאַרבען...

„עסען זאָלט איהר גאָר נישט. סיידען איהר האָט א גוטען אַפּעטיט... און מיט שלאָפען איז אויך דאָס אייגענע: אויב איהר ווילט שלאָפען — שלאָפט. צווינגען דאַרפט איהר זיך ניט..."

הקיצור, ער האָט אויך צוגענומען א דאָלאַר און איז אוועק.

אז ער איז אוועק, האָב איך גענומען ברענען גוי א העליש־ פייער! געמיינט, אז איך ווער פער'שרפה'עט ווי א האַלעוועשקע...

א נס, הערט איהר, וואָס מיין זוהן איז אָנגעקומען.

אזא זוהן, הערט איהר, ווי איך האָב איז אויסצוגעהן עק־ וועלט. א גאָלד איז דאָס, ניט קיין זוהן... ער האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען, ביי קיינעם ניט געפרעגט, אוועק און שוין גע־

בראַכט א דאָקטאָר... עפּעס א הויכער איד מיט א לאַנגען האַלז און מיט גאָלדענע ברילען און מיט א שוואַרץ בערדיל...

הערש זשע מיך אויס: ווי נאָר דער לאַנגער דאָקטאָר מיט דעם לאַנגען האַלז איז אַריין מיט מיין זוהן, האָט ער באַלד געהייסען עפענען אַלע פענסטער...

אַז מען האָט שוין געהאַט געעפענט די פענסטער האָט ער אַרונטערגענומען פון מיר די קישענס און מיך אָוועקגעזעצט. „ליי-גען" — זאָגט ער, „איז ניט געזונד..."

וואָס טויג אייך מעשיות, אַז ער האָט מיך אָבגעמוטשעט אפשר א שעה אויפ'ן זייגער, האָט ער ערקלעהרט: אַז מיר איז גאָר נישט. דער מאָגען איז מיר מכולה און די ציינער טהוען מיר וועה..."

וואָס זאָגט איהר נישט אויף אזא טפּוש?

הקיצור ער האָט פאַרשריבען א רעצעפּט, צוגענומען א דאָלאַר און פּטור!

אָט אזוי האָב איך מיר אָבגעקרענקט, ניט פאַר קיין שום אי-דען געדאַכט, אזוי גרויס און אזוי קליין ווי צוויי חדשים. ניט גע-ריכט זיך שוין צוזעהן גאָטס שעהנע און ליכטיגע וועלט. אַז איך בין אויפגעשטאַנען, זאָגט מיר מיין שנור: „שווער לעבען, געהט זייט מוחל אַריבער איבער'ן וועג, צו דאָקטאָר וואַרגער, און טהוט איהם א פרעג וואָס איהר מעגט עסען. פאָלג איך מיין שנור, און געה אַריבער. זאָגט דער דאָקטאָר וואַרגער:

„איהר מעגט עסען אַלץ וואָס עס שמעקט אייך. נאָר וואָס זשע רעדען? נאָכ'ן עסען זאָלט איהר זיך אַנלעהנען אויף א פּאָר שטונדען. מע דאַרף זאָגט ער, געבען דעם מאָגען רוה. חוץ דעם איז שלאָפען נאָכ'ן עסען זעהר געזונד..."

אַרויסגעהענדיג פון דאָקטאָר וואַרגער, טרעף איך גראָד אַן אויפ'ן וועג דעם דאָקטאָר שעכטער, און איך האַלט זיך מיט איהם אַן עצה. זאָגט דאָקטאָר שעכטער: „עסען זאָלט איהר גאָר נישט... אייער מאָגען איז נאָך שלאַף. סיידען א פּאָר האַרטע אָבגעקאָכטע אייער און פערטרינקען מיט קאַווע... נאָכדעם, זאָגט ער, זאָלט איהר נעהמען א שפּאַציער אויף א פּאָר שטונדען. ערשטענס, זאָגט

ער, דאַרף מען דעם מאַגען, אייערען גיבען בעוועגונג, צווייטענס, איז גלאַט געזינטער אַז מען געהט זיך דורך נאַכ'ן עסען. דאַרום פאָלגט מיך, און געהט וואָס מעהרער, געהט, ביז איהר וועט מיער ווערען געהענדיג. דאָס איז מיין עצה"...

וואו זאָל איך, זאָג איך, געהן?

געהט, זאָגט ער, וואו די אויגען וועלען אייך טראָגען!... אַבי געהט!

קומט איהר צוגעהן און ווילט מיר איינשמועסען: היגע דאָקטוירים... הינט־שלעגערס! קאַוואַלעס! לאַטוטניקעס זיינען זיי! ניי קאָנען אייך אומברענגען אַ מענשען, אַז אַ האָהן זאָל ניט קרע־הען!... ברענען זאָלען זיי ווי די שטרויענע דעכער!

זעהט איהר, ביי אונז אין דער היים, אין קיעוו איז שוין עפּעס אַנדערש. ביי אונז אין קיעוו אַז... וואָס, איהר האָט קיין צייט ניט? נו, טאָ גיט זשע מיר נאָך אַ שמעק־טאַבאַק און האָט מיר אַ גוטען תמיד...

יהואש

פאַגאַניני.

(דער מאָטיוו גענומען פון היינע'ס „פלאָרענטינישע נעכטע“, פראָזא.)

אויף דעם גרויסען פאַגאַניני,
פלעגט ארומגעהן א לעגענדע,
אַז באהאַלטען אין זיין פידעל
איז געלעגען די נשמה.

פון דעם וואונדערשעהנעם מיידעל,
וואָס געליעבט מיט אַללע פלאַממען,
פון זיין דיכטערזעעלע האָט ער —
און דערשטאָכען פון גרויס ליעבע...

פלעגט דער יונגער פידעל־שפּילער,
דער מכשף פון די סטרונעס,
שלעפּען זיפצען פון די הערצער,
ציהען טהרערען פון די אויגען —

פלעגט זיך הערען, ווי דאָס וויינען,
ווי דאָס בעטען פונעם מיידעל,
פלעגט זיך טראַגען אין דער לופטען,
איהר באטריבטער בלייכער פּנים...

ס'רעדט די פידעל, ס'בעט די פידעל,
און דאָס שעהנע מיידעל טענה'ט,
זוכט די אייפערזוכט צו שטיללען,
פון דעם אויפגעקאָכטען קינסטלער —

שנעללער ווערען באַלד די קלאַנגען,
יאָגען האַסטיג מיט רציחה,
און עס פּילדערט און עס שטורעמט,
פּאַגאַניני׳ס בייזער ענטפער...

שנעללער, העכער, בייזער, ווילדער...
ביז די פידעל פּלאַצט פאַנאַנדער,
אין אַ בלוטיג־שטראָם אַ רויטען,
און דאָס כאָרכלען פון אַ גוסס.

מיט אַ מעססער אינעם האַרצען,
אויף דער ערד ליגט די געליעבטע,
קוקט מיט שטאַרר־פאַרגלאָזטע אויגען,
אויף איהר מערדער פּאַגאַניני...

פּלוצלינג האָרכט... די טיעפע טענער,
קרעכצען שווער און שוואַרץ־פאַרצווייפעלט,
אין אַ ים פון מרה־שחורה,
זינקט און טרינקט זיך אַ נשמה...

אויף די קניע שטעהט פּאַגאַניני,
דריקט די הענד דעם טויטען מיידעל,
קוקט מיט ווילדע וויסטע בליקען,
אויף דעם בלוטיגען סטילעטטאָ...

ס׳איז צו שפּעט שוין... זיין חרטה
גיסט זיך איבער אין אַ תפלה,
אין אַ הייססען שטיללען ודוי —
און עס וויינען די מלאכים.

מילדער, ווייכער, מאַטטער, שוואַכער,
ווערט דאָס בליפען פון די סטרונעס,

א פאַרשטיקטער קרעכץ... אַ יאָמער...
דאַן פאַרגעהט עס אין אַ מורמל...

לאַנגזאַם זיפצען אוים די קלאַנגען,
קוים וואָס ס'אָטהעמט נאָך די פידעל...
פלוצלינג... האָט אַ מתנה פויגלעך
זיך אין זוממער־וואַלד צוזונגען?

פון דער פידעל רייסט אַרויס זיך,
ווי אַ מיידעלשער געלעכטער;
פאַגאַניני קוסט און צערטעלט
אין די אָרעמס זיין געליבטע...

קוסט די שוואַרצע אויגען איהרע,
שטיפט און שפּיעלט מיט איהרע לאָקקען:
רוימט איהר איין אין אויער סודות,
פון זיין גרויסער הייסער ליעבע...

פונעם בלאָען זוממער־הימעל,
קוקען צו די קליינע שטערען,
און אַרום די גרינע בוימען,
שאָקלען טרייסלען זיך פון תענוג...

* * *

פלעגט דעם קינסטלערס פידעל וויינען,
פלעגט זי לאַכען — שטענדיג האָט זיך
דורכגעוועבט דורך אַללע טרעללען,
יענער גלגול פונעם מיידעל...

מיט אַ כשוף — זאָגט מען — האָט ער
איינגעשפּאַרט ביי זיך אין פידעל
איהר נשמה וועגען ערמאָרדעט
האָט ער די געליעבטע זיינע...

יהואש

סאַקיאַ מוני*)

פון מערעזשקאָווסקי.

איבערזעצט פון י ה ו א ש.

דורך די בערג אויף דונקלע פעלזען־וועגען,
אין אַן אַסיען־שטורעם ווילד און וויסט,
פון דער ווייט געוואַנדערט האָבען בעטלער,
צו די ברעגעס וואו דער גאַנגעס פליסט.
טראַנטעס האָבען צוגעדעקט די גליעדער,
דאַר פערברוינט פון ווינד און דורכגערעגענט;
צוויי טעג ניט געזעהן קיין פריינדליך דאַך שוין,
צוויי טעג ניט קיין פייערל בעגעגענט...

פלוצלינג... דורך דעם שוואַרצען שטורעם־טאַנץ,
אויפגעשימערט האָט פאַר זיי אַ גלאַנץ...
ס'שטעהט אַ טעמפעל... און די בעטלער אײלען
זיך צו שיצען צווישען זיינע זײלען.
אויפגעטהורעמט דאָרטען אויף אַ טהראָן שטעהט,
סאַקיאַ מוני'ס בילד — אַ שטיין־גיגאַנט,
אויף זיין קאָפּ אַ קרוין פון פּאָרפיר טראָגט ער,
אויף דער קרוין אַ ריעזיגען בריליאַנט...

---

*) סאַקיאַ־מוני איז איינע פון די געשטאַלטען, אין וועלכע בודהאַ דער גאָט־מענש פון די אַלטע הינדוסען ווערט פאָרגעשטעלט.

„ברידער — פון די בעטלער איינער רעדט —
„פינסטער איז די נאַכט און קיינער זעהט;
„ברויט און קליידער פיעל איהר ווילט אַליין,
„גנבעט וועט מען פאַר דעם ערעלשטיין...
„ב ו ד ד ה אַ דאַרף איהם נ י ט... דער הימעל־קעניג
„האָט ברילליאַנטען אָהן שיעור,
„אָנגעאַכטעלט אין די קלאָרע הימלען,
„אין אַ גרויסען בעקען פון סאַפיר...

אַ סיגנאַל... און אין דער פינסטער שוין
גנב'ען זיך די בעטלער צו דער קרוין...
אָבער קוים האָט, טרייסלענדיג, אַ האַנד
אָנגעריהרט דעם הייליגען דיאַמאַנט —

האָט אַ שטורעם בליץ און דונער־קול,
הילכענדיג אין עכאָס אָהן אַ צאָהל,
אָבגעשליידערט זיי צוריק מיט כעס...
יעדער איז געווען געלעהמט און בלאַס...

איינער אָבער פון די בעטלער שפּרייזט
שטאָלץ צו בודדהאַ'ן, און ער זאָגט איהם דרייסט:
„א ו נ ר ע כ ט האָסטו, האַר פון אַלע האַרען,
„אָדער פלעגען אונז די פּריעסטער נ אַ ר ע ן,
„מאָלענדיג דיין גוטסקייט און דיין ליעבע,
„וועלכע לינדערט אַלע שמערצען טריבע,
„און ווי העלער מילדער זונענשיין,
„טרייבט פאַנאַנדער יעדע דונקלע פּיין...
„ד ו זאָלסט שטראָפען פאַר אַ ד י מ ע נ ט ־ רויב,
„בעטלער ליעגענדיג פאַר דיר אין שטויב?...
„בליצסט און דונערסט, און דער גאַנצער רעש איז,
„אויף אַ הויפען עלענדע נפשות...
„שעם זיך, שעם זיך, הערשער פונעם הימעל!

„מעכטיג, גרויזאַם, קומסטו מיט געטימעל,
„אַבנעהמען דעם קבצן׳ס דאַרען ביסען...
„וועלטען־קעניג, מעגסט דיין בליץ־פייל שיסען,
„כ׳שטעה מיט שטאָלץ פאַר דיר, איך בין דיין גלייכען,
„כ׳הויב מיין קאָפּ און בין ניט מעהר דיין קנעכט...
„כ׳קלאַג דיך אָן פאַר אַלע הימעל־רייכען —
„וועלט־רעגיערער, דו ביזט א ו נ ג ע ר ע כ ט...

ס׳שווייגט דער בעטלער... פּלוצלינג פאַר די אויגען
פון די בעטלער איז אַ נס געשעהן,
נאָהנט פון זיי איז איצט דער שטיין געוועזן...
סאַקיאַ מוני האָט זיך איינגעבויגען,
מיט דער קרויז פון פּאָרפיר, ביז דער ערד...
ע ר, דער גאָט צו וועמען א ל ץ געהערט,
גנבנע׳דיג און מילד געשטאַנען איז
אויף די קניע — ד י ב ע ט ל ע ר צ ו ד י פ י ס....